גיקטע, מיליאנען, יידישע מענער, פרויען, און קינדער, דעם פארן טויט, אויסגעשריי פון יידישע מאמעס, וועלכע מען האט געצוווּנגען צו זען ווי מען פייניקט זייערע קינדער. און דאס פארפייניקטע, צום טויט פארמשפטע, יידיש פאלק, פון פוילן, פון ליטע, און פון אלע יידישע, שטעט, און שטעטלעך, האבן נאך געהאפט און ניט געקאנט גלויבן, אז מען האט אין זיי פארגעסן.

זיי האבן ארויסגעקוקט פון הינטער די, פארצוימטע געטא מויערן. גע־האפט אויף הילף, דער הילף וואס איז קיין מאל ניט געקומען:

ביז עס איז געקומען דער טאג פון 19־טן אפריל, ווען זיי האבן געזען אז זיי האבן מער ניט צו ווארטן אויף הילף פון דרויסן. און זיי זיינען ארויס: אנגעשטריינגט, זייערע אייגענע, איבערוועלטליכע כוחות, און ארויס אין קאמף, אין א אפענעם קאמף, מיטן קליין ביסל געווער וואו מען האט מיט שווער־יקייט געזאמלט, און געגרייט, קעגן דעם שטארקן, און גרעסטן שונא פון יידישן פאלק. פערציק טויזנט, אין ווארשעווער געטא, איבערגעבליבענע סקעלעטן, זיינען מיט איין מאל פארוואנדלט געווארן, אין פערציק טויזנט גיבורים. מענער, פרויען, און קינדער, פערציק טויזנט, פון דער וועלט פאר־געסענע, איינגעהילטע אין שמאטעס, זיינען, אויף דער פוילישער ערד, די ערשטע ארויס אין א אפענעם שלאכט, פארן באליידיקטן יידישן כבוד, פארן אויסמארדן דאס יידישע פאלק; און פון הינטער די געטא מויערן, האט אין טיפער חשכות אויפגעשיינט א הייליק ליכט, א אויפגעברויזטער צארן, און האס פאר דעם פארגעסענעם אומשולדיקן בלוט, און דאס ליכט איז דערגאנגען צו די מויערן. פון אלע אנדערע געטאס, פון ביאליסטאק, פון ווילנע, פון טשענסטאכאוו, און אנדערע, און אנגעצונדן אין די הערצער פון יידישע זין און טעכטער, א העלדיש פייער פון נקמה: מיר האבן שוין ליידער ביי היינטיקן טאג א גרויסע חורבן ליטעראטור, יעדער בוך וואס מיר לייענען, מיינען מיר אז דאס איז דאס גרויליכסטע, וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן. אבער באלד דערשיינט א צווייטער מיט נייע שוידערליכע בילדער, געשילדערט דורך די דורך ניסים לעבן געבליבענע, און אין אויך פון די מרדערס געשילדערטע טאג ביכער, און בילדער, אין בילד באווייזט דאס אויסזען פון א יידישער מאמע וואס דערזעט ווי מען שנייט לעבעדיק שטיקער פון איר קינד, און דאס קינד באווייזט נאך אויסצושרייען מאמע קוק ניט, די מאמע ווערט משוגע. און נאך אין אסאך אזעלכע גרויליקע בילדער, גענוג איז דאכט זיך, קאצעט־ניקס בוך דאס הויז פון ליאלקעס, וואס דאס בלוט ווערט פארגליווערט לייענדיק, און עס פארשעמט דעם נאמען מענטש. איז היינט אין דעם הייליקן יארצייט נאך די געטא העלדן, ווילן מיר זיין א טייל פון זיי: פון זייער שטאל־צער יידישקייט: אין פייער, און רויך איז אוועק דאס ווארשעווער געטא, נאך א חודש געראנגל מיטן שטארק באוואפנטן שונא. מיט גאלדענע אותיות, וועט איר ווארשעווער געטא העלדן, אריינגעשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אלטן אייביקן פאלק. און מיר די לעבנגעבליבענע טארן ניט פארגעסן. מיר דארפן דערציילן, אונזערע קינדער, און קינדס קינדער, זאלן זיי וויסן ווי די וועלט האט אונז באעוולט, און היינט צום 27־טן יאר צייט בייגן מיר די קעפ, אין טרויער, נאך די 6 מיליאן, אומגעקומענע, און מיר זאגן יזכור.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־478) 31־סטער יאר איוג.־סעפ. 1970, לאנדאן

אינהאלט

ראש השנה תשל״א, דוד המלכס לעצטע תפילה, „עגל המשולש״,
„כי עמנו״ א־ל, „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב״ ... ** 3
ביים כינרת שטייט א יתום (ליד) ... שמואל ווהייט 10
די יידישע צייט־רעכענונג (עסיי), ... יעקב ריכטיגער 11
מאמע מיינע (ליד) ... י. ה. בינענפעלד 14
אן אנדער תפילה (ליד) ... עלא זילבערג 15
אויפן לאפציקער יאריד, ווייטשעפל־לידער ... א. נ. שטענצל 19
ברכי נפשי, תהילים קאפיטל ק״ד ... יידיש יהואש 30
לעא קעניג (נעקראלאג) ... אייזיק גאלדבערג 32
טשארלס דיקענס ... דוד בערמאן 33
דיקנס 100 יאר, יהואש 100 יאר, עד מאה ועשרים ש.
יידיש טעאטער ... הארי אריעל 38
די זון פארגייט שוין נאנט (ליד) ... שמעון וווזעק 39
עס ווייזט זיך א שיף (ליד) ... אברהם זאק 39
מוזיק ... מאיר באגדאנסקי 40

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר
א־רעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

אינהאלט:

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער א־בעט

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א תיבה וחתימה גובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראו פרעס“ ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א גוט יאר קרובים און פריינט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד-פאלעיי־טעאטער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סעדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער, איידעס, איניקל, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון“ די „ליטעראריש שבת נאכמיטאגס“ און כל ישראל — אייזיק באלדבערג און פרוי צביה.

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בכל מקום שהם.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינד, בכל מקום שהם.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און איניקלעך, אור־אייניקלעך, אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן און אלע פריינט, א גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייווער ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מארי ביעטש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון“ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, און אלע קרובים און פריינט, א כתיבה וחתימה טובה. אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זייערע שוועסטער און ברודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כוח״ט.

ישראל און בעטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמעריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

סיידי שעני, טורנער סטר. 18 א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כוח״ט.

צו אלע פריינט און נאענטע דא און איבער דער יידישער וועלט א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר. תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה.

דר. יעקב י. מייטליס און משפחה

לשנה טובה שנת ברוכה, ושלום צו מיינע קינדער, אייניקלעך, אור אייניקלעך, און מיין גאנץ משפחה, ושלום בישראל, ובאשר הם שם. ח. נ. בענקוויטש.

לשנה טובה צום נשיא אין ישראל שלמה זלמן שזר, צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פאמיליע און מיינע גוטע פריינט. גוסטא גייפמאן.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

פרוי נעלי הארענדארף ווינטשט משפחה אין פריינט א גוט יאר.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 9־478) 31־סטער יאר אויג.־סעפ. 1970, לאנדאן


## ראש־השנה ת.ש.ל.א.

מיטן אין מיין שרעקלעכסטן טרויער,
געוואלטיקע פרייד איז אויפגעגאנגען,
און דאס געטריף פון מיינע טרערן,
ריטם־טראפ גאר צו יום־טוב־געזאנגען;
מיינע הענט שטרעקן זיך לאנג מיט דאנק,
אלע זיבן הימלען צו דערלאנגען.

וויאזוי פון וו איך ווייס עס נישט —
גרויסע שמחה איבער מיר געקומען!
און אנשטאט יללה־געוויינען,
האט עס גאר זינגען אין מיר גענומען.
יא, ס׳איז גרעסער פון גרעסטן קריגס־זיג,
דעם לעכצנדיקן שלום געווונען.

וויפיל מתים מוז מען באקרעכצן,
מלחמה־זיגן צו קענען האבן;
נישט נאר דעם שונא׳ס — אייגענע זין,
אין נצחון־טעג ווערן באגראבן.
ווי גרויס פרייד פון זיג—קרוע־ריסן,
בלוטיק געקרא סליגען שווארצע ראבן.

אין טאג ווען דער שלום וועט קומען,
וואסער הדוה אויף דער וועלט ס׳וועט ווערן:
די אהיימגעקומענע טראגן,
קינדער אין די הענט שטאט געווערן;
וויאזוי טרויריק זיין? מיין אויער,
דעם עכא פון פרידן־פרייד שוין הערן.

מיטן מיין געוואלטיקן טרויער,
א שרעקלעכע פרייד איז אויפגעגאנגען —
וויפיל פארשניטן מוזן ווערן,
דעם שלום־סנאפ אויף פיקעס צו דערלאנגען;
מיט מיין טאטנס ליפן איך שעפטשע:
„. . . אויף דיר כ׳וואָרף אלע מיינע פארלאנגען“.

## דוד המלכס לעצטע תפילה

„ואת הפסחים ואת העורים“ (שמואל ב. ה.)

ווי ווייט פון הר ציון צום בארג יבוסי,
פון קעניגס פענסטער אריבערצוקוקן;
בלויז ווען דערזען דארטן די פארוואונדטע,
האט דודס הארץ פון צער גענומען צוקן.

די נישט־דערהרגעטע ווער ציילט זיי אין קאמף,
געקריך אויפן שלאכטפעלד זיי בלייבן ליגן;
אבער דערנאך לעבעדיק אזוי מ׳זעט זיי,
מען שעמט זיך מיט די גבורישע זיגן.

די געפאלענע בלייבן העלדן ביים פאלק,
בלויז די צעביילטע וואס בלייבן ביים לעבן;
ווער קאן די ליכטיקע אויגן א בלינדן,
פיס א לאם־געווארענעם צוריקגעבן?

מיט זיך אליין שוין אין לעצטן גראנגל,
אויף קני אין תפילה דער קעניג געפאלן;
אן אונטערגעהאקטער בוים פון שארפער האק,
זיין יללה־געוויין טויזנט שופרות שאלן:

„מיט אלע מיינע נצחונות כ׳ליג פאר דיר —
דאס פארגאסענע בלוט וואס רינט דאצווישן;
פון קינד צו קינד אן אויפהער אזוי ציען,
וועט וועט די טרער פון באזיגטן אפווישן?

„ג אט, א מגיפה־אויסראטונג מעג גיכער —
נאר נישט קיין שווערד פון איין מענטש אויף צווייטן!
אז אלע מחשבות בייטאג, ביינאכט
רק וויאזוי צו מארדן, ווי צו טויטן!

„בעסער מענטשן אוועקפאלן מיטן גאס,
נאר נישט ווי קיין הרוגים אין די שלאכטן,
וואו איין ברודער־מענטש קוילעט דעם אנדערן
קאלטבלוטיק און מיט גליאיקן פאראכטן.

„אז פאלן, איז פון דיין האנט פול־דערבארמונג!
ג אט, ווי גרויליק־גרויזאם דער מענטש קאן ווערן;
ווי דערנידעריקט לאמע און בלינדע אויף קני,
בעטן גנאד מיט אויגן פולע מיט טרערן.



„ג אט, אז נישט מער איין מענטשן־קינד פאר צווייטן
מיט פחד שטייט, מיט הכנעה זיך בוקן;
אז נישט קיין שארפע שווערד — — ס׳זאלן הערצער
איינס פאר ס׳אנדערע מיט ליבשאפט אויפצוקן.

„אז וואו אנקומען, ווען ווייטער אזוי גייען?
בלינדע טאפנדיקע ביי א שטומער מויער“ — —
מיט בלוט־צעביסענע ליפן, אויף פנים
ליגט דער קעניג אין זיין ביטערסטן טרויער.

איז מיטן דער מגיפה שטיין געבליבן,
מלאך־המות — שווערד ארויסגעצויגן,
און אלע הינקענדיקע גענומען גיין
און אלע בלינדע געעפנט די אויגן.

פול איז דער בארג, דאס גיין הערט אלץ נישט אויף,
אלע אויגן צעפונקלטע מיט גלויבן — —
בלויז אויף זיינע קני ס׳ליגט נאך אלץ דער קעניג,
ער האט מורא די אויגן אויפצוהויבן.

* * *

און ביז היינטיקן טאג אונזערע בליקן,
דארט אהין צום הר־הבית זיך ווענדן,
טאפנדיק די מויער וואקלדיק און בלינד — —
און פעלקער זוכן אלץ אונז צו פארלענדן.

## „עגל המשולש“...

„ישראל האט די אטאם־באמבע“.
„אפמאך סאוויעט־רוסלאנד מיט מערב־דייטשלאנד“.
„25סטע יארצייט היראשימא־נאגאסאקי“.

פון ציטונגס־נייעס

1

אז אלע, נעבעך, די ערשטע זיין ווילן
די טויזנט־פודיקע באמבעס צו ווארפן,
וועט שוין זיין אן ערשטער, וואס מוזן „דארפן“,
נישט רוען קענען, דאס הארץ נישט איינשטילן.

ווארום איין רגע, חלילה, פארזוימען
און דער ערשטער זיין וועט גאר א צווייטער,
און דער כדור־הארץ אן אויגעזיי׳טער
מיט נוקלעאר און הידרא־זוימען.

ווי וועט זיך דאס די ערד דעמלט צעבליען,
געמיסטיקס מיט געשטאנק און מיט אומקומען —
ווילד־צעקנאספעטע, משוגענע בלומען,
זון־אויפגאנג — רויזן וואנזיניק צעגליען!

אײדער ישראל, חלילה, עס איצט ווערן,
ירושלים א גאנצע זאל בלייבן — —
וועלט פון אירע זיילן ארויסצוהייבן,
א בלינדן שמשונען ווער קאן דען שטערן?

2

נישט קיין פעלקער מער, קיין אומות־העולם,
נישט קיין גוים און, להבדיל, קיין יידן . . .
אויפגעהערט האבן אלע אונטערשידן,
איין הלצה־נאציע, איין אטאם־גולם.

וואס איצט הר־גריזים און וואס נאך בארג עבל,
אז פארבונדן לוציפער מיטן שטן?
ווער ווייסט וואס ווידער ס׳וועט וואויל זיי געראטן?
ווען א שפיל שוין ס׳איז אלצדינג פארן טייוול?

א גראטשקע־צעמישעניש, מלכות־בבל:
זיי וועלן האבן וואס זיי ווילן האבן,
גאנצע ערד איין ברידער־קבר צעגראבן;
אויף פיסנבענקעלע גאט זיצט אן אבל.

זאלן זיי ווייזן וואסער וועלט ס׳וועט ווערן
פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום —
וואס מיר גוטס און שלעכטס, וואס מיר רייך און ארעם?
כאאס — אדער גאנצע וועלט זיי געהערן.

3

שוין איינמאל נישקשהדיק שוין באוויזן,
אז אך און ווי געווען צו זיי בידע —
בלויז ווי געלוינט: קרעמאטאריע־עקידה,
און מלאך אויף הימל זיך נישט באוויזן.

און האט מען נישט „געמוזט", „געדארפן" שוין איך,
מיט דער אטאם־באמבע די וועלט דערלייזן:
אויגן צום הימל פרום געטון פארגלייזן
און לאסן איבער מענטשן־קעפ געווארפן?



וואס מעג, וואס קאן א בן־אדם נאך זאגן,
אזוי אפשר דער גאנג פון וועלט באשאפן?
אויף ביימער נאך געקלעטערט מיט די אפן,
אז די שוואכע די שטארקע נישט דערשלאגן?

בלויז אויב אזוי ס׳איז דאס זיין און דאס ווערן,
צומאל פון גאט אליין ס׳איז די שליחות!
זאל ער שוין גיין דער מענטש צו אלדי רוחות
און אינם דזשונגל בעסער צוריקקערן.

## „כי אמנו״ אייל (זיבן סאנעטן)

1

אז מקוים געווארן די נביאים־רייד;
דאס פאלק אזוי געיאגט און געטריבן,
„אחד מעיר" צוזאמענגעקליבן
און פון ביטערן, ביזן גלות באפרייט.

וועט דאך אויך קומען די צוגעזאגטע צייט,
דער „אחרית־הימים" ווי ס׳איז פארשריבן:
אז מענטשן איינער דעם צווייטן — ליבן,
נישט ציען מער קיין מלחמה־שווערד פון שייד.

ווי האבן מיר דעם חלום אויסגעטראגן,
א, די בלוטיקע חבלי־לידה פלאגן!
געווארט, געהארט, אלצדינט פארליב גענומען.

וויפיל מאל אויפן בראך־שטול שוין געזעסן,
דאך די נביאישע רייד נישט פארגעסן,
אז מקוים זיי וועלן ווערן און קומען.

2

ווען דער גאט־חלום מקוים וועט ווערן,
דאס מענטשלעכע הארץ אויפגעוועקט זיין,
געדאנק וואך, אויפגעקלערט, קלאר, ריין —
„פון מענש׳ס פנים אפגעווישט די טרערן".

דעמלט ערשט קנאה־שנאה אויפהערן,
און דאס רייסעניש פון „מיין און דיין";
איינער וועט דעם אנדערן פארשטיין,
איינער צום צווייטנס רייד זיך צוהערן.

בלויז צי קאן מקוים ווערן דער טרוים,

איז ער נישט ווי אויף ים־געברויז די שוים ?
ס׳איז די וואר ווי אויף וואסער ס׳איז דאס אייל :

עס קאן קיום נישט האבן די וועלט,
אויב נישט טרוים כאטש פינסטערע נאכט אויפהעלט —
„מעולם ועד עולם אתה א־ל״.

3

אויב נישט די בענקעניש נאכן קול מבשר,
שופר־של־משיח דאך אמאל צו דערהערן,
וואס וואלט פונם מענטש, פון דער וועלט דעמלט ווערן,
אז תמיד ס׳בלייבט שטארק דער רוצח, דער האסער.

גערעכטיקייט שווימט נישט ווי בוימאייל אויף וואסערן !
ס׳איז דער עמק־הבכא, א באך פון טרערן,
אויפן בלוט־שוים איבער זיי נישט אויפצוהערן,
הער ליכטיקסטער זון־אויפגאנג גייט אויף א בלאסער.

זע, א גלגלתא־בארג מיט אפגעהאקטע קעפ,
מערן זיך די טעג און די נעכט געהילט אין קרעפ —
ס׳איז די בענקעניש נאך דערלייזונג בלויז א טרוים.

ווען נישט דער חלום אין די גלות־לאנגע נעכט,
א, ווי דאס לעצטע צעטריפטע פיצעלע לעכט,
וואס לעשט זיך שוין און צאנקט און האלט זיך נאך קוים קוים.

4

צומאל דאס אלצדינג נאר ווערטער זיינען . . .
בלויז האבן מיר עפעס אנדערש ווי ס׳ווארט ?
דאס איז דאך אלץ וואס פון מויל אפגעשפארט,
פון אונזער פילן און גאנצן מיינען.

וואלט זיך דאס הארץ געקענט צעוויינען,
ווען נישט געזיווגט זיך און זיך געפארט,
זיפץ צו זיפץ און ארויסגעקרעכצט דאס ווארט,
הערצער נ׳איינעם לאכנדיק פאריינען.

ווען אפילו דאס ווארט נאר אויסגעקלערט . . .
בלויז אלע לשונות וואס פאר א ווערט
אן פארגאנצטן מלכות־ש די תיקון ?

אז נישט גאנץ — שפאלט נאר ווי אין איין אטאם,
אויב נישט כקול ש די דאס קול העם,
און ג אטס אטעם אין מענטש מוז דערשטיקן.



5

אויף שלאכט — ס׳פאלט מאמעס איין אייציק־קינד,
קאן זיך ווען איר וווּנד אמאל פארהיילן ?
פון איר צער זי האלט אין איין דערציילן,
ביז לעצטן טאג ווען אין קבר זי פארשווינדט.

אלע אירע שעהען ווי און וווּנד —
געשלאגענע הינט וואיען און היילען !
מיט וועמען קאן זי איר ווי זיך טיילן ?
איר הארץ א וויסטער מדבר אין שטורעם־ווינט.

און אינם טאג פונם גרויסן נצחון,
ס׳פלאקערן פאקלען אין אייל געטונקן,
און זי אין איר טיפן צער פארזונקן,

צונויפגעהויקערט, צוזאמענגעבראכן,
אונטער מדבר־משא א מדבר־קעמל,
איר הארץ — שערבעלע אייל מיט יארצייט פלעמל

## „ויוסיף דעת ויוסיף מכאוב״

פארע מיין טאטנס אור־אייניקל אין בני־ברק הרב שלמה שטענצעל שליט״א

ראש־השנה, יום־כיפור אריבער,
א סליחה, א מחזור — איז מילא,
אבער דעם קהלת אין האנט ארייך,
מ׳מוז דאך אים נעמען אויף א ווײלע.

שעהען שוין ווי ער שטייט שטיל ביים שולחן,
מ׳זאל הערן א בלעטל זיך מישן,
דעם שווייס וואס צווישן די שטרן־פאלדן,
מיט פאטשיילע כאטש ר׳זאל אפווישן.

אין בארד אריין פאלן שווער די טראפן,
דער שטערן קנייטשט זיך און זיי רינען;
פון אזא פארמיחן זיך חלילה נאך,
איינגאנצן דאך אראפ פון זינען.

ביי איין פסוק איז ער שטעקן געבליבן,
און ער קאן אים פון ארט נישט רירן;
ס׳בריען די ליפן, ס׳גליען די אויגן,
ווי זיין מוח שוין רירט זיך, ר׳נעמט שפירן.

האט ער מיט זיין פויסט אין שולחן אריין,
מיט לעצטן כוח גענומען קלאפן —

גאנצער עולם אין בית מדרש, ווי צו
תחית־המתים זיך אויפכאפן:

„יוסיף דעת יוסיף מכאוב“ — — און אז וואר?
ווי טון זאל אבער וויסן זאל מען!
נאך זיץ איך אויף בונם פשיסכערס בענקל,
כ׳ליג נאך נישט אויף קאצקער בית־עלמין.“

די וועגט טרייסלען זיך ווי צו נתנה־תוקף,
פון רבינס האלישע געוואלטן;
פון אימה איינער ביים צוויטנס גארטל,
מיט אלע כוחות מוז זיך אנהאלטן.

פון שרעק דער צעשאקלטער הענגלייכטער,
אט־אט רייסט ער זיך אפ פון באלטן;
נאר לעצטע סוף־זומער פליג אין ווינקל,
זשימט אין שפין־געוועב ווו באהאלטן.

**אינגמיטן שליסן דעם ראש השנה נומער** קומט א שליח אונז מיטצוטיילן, אז דער פאעט שמואל ווהייט איז געשטארבן, נאך א לאנגע קראנקייט ליגנדיק אין א שפיטאל. באלד א פאר טעג שפעטער טעלעפאנירט מען וועגן טויט פון מנשה ווייסגראז, דער וויים־פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון“, זייענדיק ביים ים נאך דער שווערער אפעראציע — אונזער קרייז דא איז זייער קליין און אז אזעלכע חברים ווערן פלוצלינג אוועקגעריסן, שפירט מען שארף דעם ריס.

כבוד די נפטרים און טרייסט פאר פרוי אסתר ווהייט און שוועסטערן, פאר פרוי מילי ווייסגראז און פאר די קינדער פון ווייסגראז. די נעקראלאגן אין קומענדיקן נומער.

שמואל ווהייט

## ביים כנרת שטייט א יתום

ביים כנרת שטייט א יתום
מיט די אויגן צום הימל געווענדט,
ער באוויינט זיין טאטע־מאמע
אין קאלד־אויוון זיי פארברענט.

פול צער זיינע טרערן
פאלן אין כנרת אריין;
רוישט דער כנרת שטראמיקער,
ווי ער וואלט דערפילט יתום׳ס פיין.

ביזט צו אונז אהיים געקומען,
רוישן פאלמען אים א טרייסט,
די מאמע־ערד וועט דיך צערטלען,
דא ווערן וועסטו דערלייזט.



ביים כנרת שטייט א יתום
באשטראלט מיט העלן זונענליכט;
דערהערט דעם רויש פון די פאלמען,
שפילט א שמייכל אויף זיין געזיכט.

ביים כנרת שטייט א יתום
מיט די אויגן צום הימל געווענדט,
ער באוויינט זיין טאטע־מאמע
אין קאלד־אויוון זיי פארברענט.

יעקב ריכטיגער

## די יידישער צייט רעכענונג

ווי שוין אנגעוויזן אין דער עסיי „דער גלויבן אין באשאפונג“ זאל דער אויסגאנגספונקט פון טראדיציאנעל־יידישן צייט־רעכענונג זיין, דער באגינען פון דער איצטיקער קולטור עפאכע. די באצייכענונג „לבריאת העולם“ וויל זאגן, זינט דער באשאפונג פון די קולטור וועלט, ווען די ערשטע מענטשנ־קינדער זענען איבערגעגאנגען פון שפייזן זיך מיט ווילד־וואקסנדיקע פרוכטן צו קולטיווירן די ערד. דאס הייסט: זינט דעם סוף פון די זעקס באשאפונגס טעג, ניט זינט דעם אנפאנג. (ויקרא רבה פכ״ט־א׳)

לויט יוסיפון־פלאוויוס זאלן די ערשטע מענטשן פון דער איצטיקער קולטור עפאכע — אדם וחוה — האבן דערשיינט פינף טויזנט, הונדערט אכטענזעכציק יאר פארן צווייטן חורבן, דאס הייסט: פינף טויזנט, הונדערט יאר פארן קריסטלעכן צייט רעכענונג. („דער אלטערטום פון די יידן“ בוך 10 קאפ. 8־5, „מלחמות פון די יידן“ בוך 6 קאפ. 10־1) און לויט די תלמודישע מפרשים זאל די דערשייבונג האבן געווען דריי טויזנט, אכט הונדערט אכט־ענצוואנציק יאר פארן צווייטן חורבן, דאס הייסט: דריי טויזנט זיבן הונדערט זעכציק יאר פארן ק.צ.ר. (סנהדרין צ״ז, רש״י)

דער פאראדאקס איז וואס דער יידישער צייט רעכענונג, אפילו מיטן אונטערשיד פון דרייצען הונדערט פירציק יאר צווישן יוסיפון און רש״י, האט מער ארכעאלאגישע אונטערשטיצונג ווי די עוואלוציאניסטישע טעאריע. ביז איצט זענען נאך ניט אנטדעקט געווארן קיין פארצייטישע ישובים: דער־פער מיט לאנדווירטשאפטן אדער שטעדט מיט הייזער און טעמפלען וואס זענען עלטער ווי זיבן טויזנט יאר. אפילו די קריטיקער פון ביבלעשער כראנאלאגיע לייגן צו נאך טויזנט יאר אדער צוויי טויזנט יאר, ניט הונדערט טויזנט, פופציק אדער כאטש פינפענצוואנציק טויזנט יאר, וואס איז נויטיק פאר א באווייז פון א המשכדיקער עוואלוציאניסטישער אנטוויקלונג.

אז אין אייראפע און אין צפון אמעריקע, איינגעשלאסן קאנאדע, האט זיך די איצטיקע ערד ארבעט־קולטור ערשט געקאנט האבן אנגעהויבן צווישן פיר און פינף טויזנט יאר פאר דער ק.צ.ר. איז קיין ספק ניט. די געאלאגן — די

פארשער פון דער ערד סטרוקטור האבן פעסטגעשטעלט, אז אלע קאנטינענטן וואס געפינען זיך אויף דער צפונדיקער זייט פון דער ערד זענען געווען באדעקט מיט א דיקע אייז מאסע ביז לערך זעקס אדער זיבן טויזנט יאר צוריק. ווען די אייז פעריאדע האט זיך אנגעהויבן און די סיבה פון איר אנטשטיין האבן זיי ביז איצט נאך ניט אויסגעפינען, אבער עס זענען פאראן אבסאלוטע באווייזן, אז די געפרירונג איז געקומען פלוצים און אויגנבליקלעך, אין א הרף עין האבן זיך קלימאטן פארענדערט, טראפישע געגענטן זענען פארוואנדעלט געווארן אין אייז מדבריות.

שוין הונדערטער יארן ווייסט מען, אז אין דער אייז מדבר פון צפון מזרח סיביר, ליגן איינגעפרוירן הורמעס לאנגע ציין פון מאמאטס, אן אויסגעשטארבענער פארצייטישער עלעפאנטן מין. אין יאר 1797 איז אויך דארט אנטדעקט געווארן גאנצע מאמאטס, וואס זענען פרעזערווירט געווארן ניט אליין מיט זייער הויט און האר, נאר עטלעכע פון זיי האבן אין זייערע פיסקעס און מאגענס נאך געהאט אומפארצערטע בלעטער און גרעזער פון א טראפישן קלימאט. מיקראסקאפישע אונטערזוכונג האט אויך געפינען אין זייער הויט רויטע בלוט־צעלן, וואס באווייזט אז זיי זענען אומגעקומען פון דערשטיקונג.

אזוי ווי מען קאן ניט זאגן, אז די מאמאטס זענען ערגיץ אין א הייסן קלימאט געפגרט און א פארפלייצונג האט זיי פארשלעפט קיין סיביר, ווייל זיי וואלטן געדארפט זיין פארפוילט פון ליגן א לאנגע צייט אין וואסער און צעריסן אויף שטיקער פון די שטראמענדיקע כוואליעס, איז מען דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז צפון מזרח סיביר האט אמאל געהאט א ווארעמען קלימאט און דעמאלט איז דארט געווען די היים פון די מאמאטס. אבער פלוצים האט עפעס א וואנדערדיקער קאמעט אדער פארבלאנדזשעטער פלאנעט אנגעשטויסן די ערד, וואס האט פארענדערט די פאזיציע פון אירע קאנטינענטן לגבי די זון צוזאמען מיט זייערע קלימאטן, זענען די מאמאטס בשעת׳ן פאשן אין איין מאמענט געפרוירן געווארן און באדעקט געווארן מיט אן אייז מאסע. (י. וועליקאווסקי „ערטה אין אפהיוואל" ז. 6)

אבער כאטש מען ווייסט ניט וויפיל צענדליקער אדער הונדערטער טויזנטער יאר צוריק די אייז פעריאדע האט זיך אנגעהויבן, זענען געבליבן סמנים איבער דער גאנצער ערד ווען דאס אייז האט אנגעפאנגען צו שמעלצן. אין אייראפע איז דער שוועדישער באדן דער קאלענדאר וואס האט פארצייכנט, מיט שיכטן פארשטיינערטע בלאטע, העלע פון זומער און טונקעלע פון ווינטער, אז די אייז שמעלצונג איז אנגעגאנגען צווישן צוויי און דריי טויזנט יאר און האט זיך געענדיקט מיט לערך זעקס אדער זיבן טויזנט יאר צוריק. (ד. ר. שמידט „טהי דאוון אף טהי הומאן מיינד" ז. 31)

אויך אין צפון אמעריקע האט די אייז פעריאדע פארצייכענט דעם דאטום פון איר סוף, אויספארשנדיק דעם גאנג פון די גרויסע טייכן האבן זיי באמערקט אז דער וואסער שטראם פון די ניאגארא פאלס רוקן זיך יעדעס יאר עטלעכע פיס פון טייך אנטאריע צום טייך עריע — פון דער אמעריקאנער



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

זייט צו דער קאנאדער זייט, האבן זיי אויסגעמאסטן דעם שטח, וואס דער וואסער שטראם האט פארלאזט זינט זיינע כוואליעס האבן אנגעהויבן פליסן איבערן ראנד פון בארג, און פעסטגעשטעלט אז ער פליסט שוין צווישן זעקס און זיבן טויזנט יאר, לערך די זעלבע צאל יארן פליסט אויך דער סט. אנטאני־פאלאין מינעאפאליס, און דער מקור פוןביידע וואסער פאלן איז בארג אזערעס וואס זענען געווען פארפרוירן די גאנצע צייט פון דער אייז פעריאדע. (ווילקאווסקי „וואר.דס אין קאליזשאן" ז. 28)

פארשידענע וויסנשאפטלעכע טעאריעס זענען פאראן וועגן דער סיבה וואס זאל האבן גורם געווען דאס שמעלצן פון דער אייז מאסע אין אייראפע און אין אמעריקע. איינע פון די לעצטע טעאריעס איז — אז א לאנדפאס מיט הויכע ווולקאנישע בערג האט זיך געצויגן איבער דער גאנצער ברייט פון אטלאנטישן אקעאן, פון גיבראלטור אין אייראפע ביז צענטראל אמעריקע, לויט דער אויספארשונג און בארעכענונג פון שוועדישע און רוסישע געאלאגן זאל האבן, צווישן צען און צוועלף טויזנט יאר צוריק פארגעקומען אן ערד ציטערניש און דער גאנצער לאנדפאס איז איינגעזונקען אין דער טיפעניש פון ים.

נאכן פארשווינדן פון דעם לאנדפאס האט דער ווארעמער גאלפשטראם אנגעהויבן צו פליסן פון מעקסיקא־גאלף, ווי א טייך, אין אטלאנטיק נאענט צום ברעג פון צפון אמעריקע און דורכשניידנדיק דעם ים ביז נאענט צו ברעג פון איירלאנד, וו ער שפאלט זיך אין צוויי שטראמען, איינער גייט ביי די ברעגן פון פראנקרייך און שפאניע אריין אין מיטלענדישן ים און איינער ביי די ברעגן פון ענגלאנד אריין אין צפון ים. דער גאלפשטראם האט מיט זיין אויפווארעמען די לופט און ווינדן פון צפון אמעריקע און אייראפע אין משך פון עטלעכע טויזנט יאר צעשמאלצן די דיקע אייז מאסע, וואס האט באדעקט די קאנטינענטן, און די צייכענס, וואס די צעשמעלצונג האט איבערגעלאזט, זאגן עדות אז ערשט צווישן זעקס און זיבן טויזנט יאר צוריק האט זי זיך געענדיקט. (סייענס אין רעוויו, נ.י. טיימס, 23־טן סעפטעמבער 1956)

פארשטייט זיך, אזוי ווי דער גרעסטער טייל פון די אנדערע קאנטינענטן, אזיע, אפריקע און דרום אמעריקע זענען געווען פריי פון אייז, איז די פראגע — פארוואס געפינט מען ניט, ערגיץ ווו, סימנים פון א לאנגער עוואלוציע: דעם אנהייב פון ישובים און כסדרדיקע אנטוויקלונג פון בויען הייזער, קאנאלן, דערפער און שטעדט? אבער די עטנאלאגישע פארשונג האט דערויף אן אבסאלוטן תירוץ, לויט איר האט זיך די איצטיקע ערד ארבעט קולטור — דאס איבערגיין פון פרוכטן פארזאמלען, ווי די חיות, צו פראדוצירן זייער טעגלעך ברויט — אנגעהויבן אליין אין א געוויסן פלאץ און אין א געוויסע צייט, ניט ווי עוואלוציע באהויפטעט, אין פארשידענע ערטער און צייטן. אחוץ דעם, וואס מען געפינט אין ערגיץ ניט קיין איבערבלייב פון דעם עוואלוציאניסטישן אנהייב, איז די טעאריע, קעגן דער דערפארונג פון אויספינדונגען אין מאדערנע צייטן.

פון דעם פלאץ האט זיך די מלאכה פון ערד ארבעט צוזאמען מיט אלע אנדערע קולטורעלע ענטוויקלונגען פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. די עטנאלאגיע האט אויך אנגעצייכענט ווו און ווען די ערד ארבעט־קולטור איז אנטשטאנען; זי האט פעסטגעשטעלט אז אומעטום — אין אלע פארצייטישע ערד ארבעטער ישובים — געפינט מען, אין געטער סימבאליזם, אין קינסטלערישע אויסדריקן און אין דער כלי זין טעכניק, אלט מצרישע מאטיוון פון זייער פרימיטיווע פארעמס ביז צו די מער אנטוויקעלטע, צונויפגעמישט מיט אייגענע. מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז די מלאכה פון ערד ארבעט צוזאמען מיט איר ערשטע קולטורעלע אנטוויקלונג שטאמט פון אלטן מצרים.

א באקאנטער עטנאלאגישער פארשער — ג. עליאט סמיטה — האט ארויסגעגעבן א בוך אויף דער טעמע פון קולטור פארשפרייטונג. אין דעם בוך ווייזט ער אן דעם וועג ווו די אלט־מצרישע מלאכה פון ערד ארבעט מיט איר קולטור איז דורכגעגאנגען ביז זי האט דערגרייכט די אינדיאנישע פעלקער אין אמעריקאנער קאנטינענט. און צום סוף פון בוך שרייבט ער — די באווייזן וואס מיר האבן פארזאמעלט בארעכטיקן צו זאגן, אז די ערד ארבעט קולטור האט זיך אנגעהויבן אין דעלטא טאל מיט לערך פיר טויזנט יאר פאר דעם ק.צ.ר. און באשטימט ניט מינדער פון דריי מיט א האלבן טויזנט יאר פאר דעם ק.צ.ר. . (ג. עליאט סמיטה, „טהי דיפיוזשאן אף קאלטשער“, ז. 222) אויך אנדערע וויסנשאפטלער זיינען געקומען צו דעם אויספיר, אז די ערד ארבעט קולטור האט זיך אנגעהויבן אין אלטן מצרים און פון דארט פארשפרייט איבער דער גאנצער ערד.

דערפון איז קלאר צו זען, אז מען לאזט זיך ניט פארפירן פון די מכלומרשטע טעקסטועלע אדער בוכשטעבלעכע איבערזעצער פון תורת משה, וואס לויט זיי איז דער אויסגאנגפונקט פון יידישן צייט רעכענונג די וועלט באשאפונג, נאר מען נעמט אן דעם אויסטייטש פון די יידישע מפרשים, אז דער אויסגאנגספונקט איז, די דערשיינונג פון ערשטן ערד ארבעט־קולטור מענטש, דערהייבט מען תורת משה דערמיט צו דער העכסטער מדרגה פון געשיכטסלעכער אקוראטקייט. ווייל איר כראנאלאגיע, אז די ערד ארבעטער קולטור איז אלט צווישן זעקס און זיבן טויזנט יאר, האט מער געאלאגישע און ארכעאלאגישע באווייזן, צו זיין היסטאריש אמת, פון אלע אנדערע צ׳ט רעכענונגען.

י. ה. בינענפעלד

## מאמע מיינע

איך קאן נישט שלאפן,
איך קאן נישט שלאפן,
א קול וועקט מיך,
א קול פון דיר.
זאלסט נישט וויינען,
זאלסט נישט וויינען,

טייערער זון מיינער,
ווען די שוידערדיקע בשורה,
מ׳וועט דיר אנזאגן,
פון די געזוקאמערן — —
זון מיינער.



עלא זילבערג

## אן אנדערע תפילה

גיב מיר אויגן,
איך זאל קענען זיך דערבליקן,
גיב מיר שכל,
איך זאל קענען זיך פארשטיין;
העלף מיר גאט,
פערלאנגען צו דערשטיקן,
לאז מיך פארבלייבן,
ווען טרויעריג — נאר ריין!

גיב מיר כוח,
עולות צו פארשווייגן,
העלף מיר לערנען,
ווי מיט מיין גורל זיך צו פרייען;
די שפעטע יארן,
אין ליבשאפט אויסצונוצן,
ביז דיין גנאדיק האנד,
פון צער ווערט מיך באפרייען.

* * *

ווען אלע טירן צוגעשלאסן,
און אלע טויערן פערמאכט,
ווען אלע ליכטער אויסגעלאשן,
די וועלט פארפינסטערט ווי ביינאכט — —

איין איינציק וועג בלייבט שטענדיק אפען,
דער וועג וואס פירט צום לעצטן בריק,
וואו אונז דערווארט דאס אומבעקאנטע,
פון וואנעט קיינער קומט מער צוריק.

ח. נ. בענקוויטש

## מיין טאטע ר׳ יעקב יוסף בענקוויטש

מיין טאטע איז געבוירן געווארן אין דער קאלאניע קראסנא־סעלא, טשערניגאווער גובערניע, סוראזשער אויעזד. יידן האבן די קאלאניע גערופן „שטעטל“, גוים האבן זי גערופן „סאווקא“. באלד נאך זיין געבורט איז אים די מאמע געשטארבן.

מיטן „שטעטל“ האב איך מיך באקענט אלט זייענדיק פינף און א האלב יאר. מען האט מיך אהינגעבראכט פון דער היים, וואו מיין מאמע האט געוואוינט ביי איר טאטן אין כוטאר מאקאראוויץ. מיין טאטע האט דעמאלט

געדינט ביים מיליטער. מען האט מיך אהינגעבראכט, כדי צו גיין אין חדר אריין לערנען. פון מיין טאטן האב איך געהערט, אז זיין טאטע איז געווען איינער פון די גרינדער פון „שטעטל“.

א פערטל פון דער באפעלקערונג פון „שטעטל“ איז באשטאנען פון מיין זיידנס משפחה. עס איז מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן צו ציילן וויפל הייזער און פאמיליעס עס האבן זיך דארט געפונען. עס זיינען שוין פארביי בערך דריי און זיבעציק יאר ווי איך בין פון דארט אוועק און פון „שטעטל“ איז קיין זכר נישט געבליבן. דאך זע איך עס נאך אין מיינע רעיונות בעסער ווי אמאל אין דער ווירקלעכקייט. בערך פערציק הייזער, אכציק משפחות, בלויז יידן. מיר דוכט, אז עס איז געווען איינס אין דער וועלט, אזא ראמאנטיש שטעטעלע מיט פיל מאטעריאל פאר שרייבער.

עס איז באשטאנען פון איין לאנגער גאס. אינמיטן דער גאס — די שול, א גרויסע, א שיינע, וואס האט געקענט ארייננעמען א טויזנט מתפללים. צוויי גרויסע חדרים; א גרויס פארהויז און אן עזרת־נשים פון אויבן. עד־היום וואונדער איך זיך וויאזוי קומט אזא גרויסע, באמת שיינע שול אין אזא קליין שטעטעלע.

דריי ברונעמער זיינען דארט געווען און צוויי גרויסע בלאטעס, די גרעסטע ביי דער שול, די צווייטע — ארום דעם פעטער אברהם שלמהס הויז. זיי פלעגן זיך אויסטרוקענען נאר זומער אין די גרויסע היצן.

דריי מאל אין טאג איז מען געגאנגען דאווענען אין שול. בין מנחה־למעריב האט מען געלערנט א פרשה חומש, עין יעקב אדער גמרא און אויך מדרש. קיין עם־הארץ האט זיך דארט נישט געפונען. פיל־וויניק, יעדער איינער האט געקענט לערנען. די יינגלעך האבן זיך געלערנט אין חדרים, די מיידלעך — ביי ווייבערישע לערערס; שרייבן האבן זיך אלע געלערנט. יינגלעך אין חדר און מיידלעך כמעט פון זיך אליין. נישט וועלנדיק אראפפאלן פאר די שטאטישע, האבן זיי זיך געפליסט צו קענען לייענען און שרייבן אויך, וויפל איך ווייס האבן זיי טאקע איבערגעשטיגן די שטאטישע. א זקנה פון פינף און ניינציק, מיינע א מומע, שרייבט מיר נאך יעצט בריוו פון האמעל, וואו זי וואוינט יעצט, זי האט זיך אליין אויסגעלערנט שרייבן.

ימים־נוראים אין „שטעטל“. עס פלעגן קומען ישובניקעס פון ארומיקע דערפער און ס׳איז שוין געווארן פיל פריילעכער. די שול איז געווארן כמעט פול און פול מיט לעבן אין גאנצן שטעטל. די רייכע זיינען געווען די געסט פון נגיד פון שטאט, ר׳ הירש קידאנאוו, די אלע אנדערע ביי זייערע פריינט. קיינער פון די געסט האט נישט געדארפט צאלן. די שטעטלדיקע פלעגן זער אפט זיין געסט אין די דערפער, פלעגט זיך דאס אויסגלייכן. ווען איך בין געקומען קיין לאנדאן, אין יאר 1899, האב איך צום ערשטן מאל געהערט, אז דארפסלייט, ישובניקעס, זיינען עם־הארצים, גראבע יונגען. אבער וואס איך האב געוואוסט איז דאס ארום מיין „שטעטל“ און אויך ארום דאף וואו מיין זיידע, ר׳ הירש שולמאן פון כוטאר און ארומיקע דערפער זיינען געווען



פיל תלמידי־חכמים און כמעט אלע האבן געקענט פיל־וויניק לערנען. איך וויל דערמאנען איניקע פון די געסט: דער דובענאווקער רב, ער האט חתונה געהאט מיט א דארפסמיידל און אזוי שוין פארבליבן אויפן דארף דאס גאנצע לעבן; אפרים פון דאבריק, א ייד א תלמיד־חכם, זיין חזקה איז געווען צו זיין בעל־קורא ראש־השנה און יום־כפור בעת דער שטענדיקער בעל־קורא איז געווען מיין טאטע. עס איז געווען א ייד א וועלט־מענטש, גרינוואלד, פון כוטאר זשאמערס, זיינער אן איידעם איז געווען קאזשיאנער ראבין אין סוראזש. און נאך פיל אזעלכע פלעגן מיר האבן צוגאסט בעת די ימים־נוראים.

ביי אונז אין „שטעטל“ זיינען געווען גוטע בעלי־תפילות, אבער קהל האט געוואלט עפעס פון שטאט, פלעגט טרעפן, אז עס פלעגן טאקע קומען גאר גוטע חזנים, אבער עס האט אויך געטראפן, אז עס איז געקומען א חזן, וואס האט גארנישט צופרידנגעשטעלט אונזער קהל.

דעם בעל־תפילה האט מען גערופן לויבע הארלאץ. ווי קומט צו אים אזא נאמען? איניקע פלעגן זאגן, אז זיין קול איז געווען ווי פון א הארלאץ; ביי אונז הייסט הארלאץ אזא קרוג, וואס מען פילט זי אן מיט מילך און מען לאזט זי שטיין ביז פון דער מילך ווערט סמעטענע מיט זויער־מילך. דער מקח פון דעם איז געווען צען קאפיקעס, עס הייסט זיבן קאפיקעס פאר דער סמעטענע און דריי קאפיקעס פאר דער זויער־מילך. איז אט דער ר׳ לויבע געקומען אין א דארף צו א ייד און בעט א הארלאץ אן איינגעשטאנענעם. האט מען אים דאס דערלאנגט. ער האט נאר געוואלט די סמעטענע, דער מקח איז שוין באוואוסט. דער ר׳ לויבע האט אויפגעגעסן אלץ פון הארלאץ און באצאלט זיבן קאפיקעס. די באלעבאסטע פאדערט נאך דריי קאפיקעס פאר דער זויער־מילך. ר׳ לויבע אבער זאגט, אז עס איז גארנישט געווען קיין זויער־מילך. דארף ער נאר צאלן זיבן קאפיקעס פאר דער סמעטענע. עס איז אינגאנצן געווען סמעטענע . . . דער נאמען אבער איז פארבליבן — לויבע דער הארלאץ.

אט דער בעל־תפילה האט געוואלט ארויסווייזן זיינע קענטעניש, עס איז אים אבער נישט געלונגען. מען האט אים נישט געקענט פארטראגן. זלמן קידאנאוו, א חזן פין ר׳ הירש, גייט צו צו דעם חזן און זאגט, „ר׳ לויבע, פאר אייערע תפילות וועט מען אייך באצאלן, איבער א יאר וועט מען אייך זיכער נישט באשטעלן, אזוי מאטערט זיך נישט, און אונז מאכט אייער חזנות בקיצור.“

ראש־השנה אין שול האט באמת געהערשט א הייליקייט. פרויען, מענער, יינגלעך, בחורים אפילו האבן געוויינט און געבעטן מיטן גאנצן הארצן. ערב יום־כפור אין דער פרי אין שול איז געווען איינגעפירט, אז מענער און פרויען האבן געטיילט קליינע שטיקלעך לעקעך און געווינטשן איינער דעם צווייטן. מען זאל נישט דארפן אנקומען איינער צום צווייטן, נאר לעקעך. צו מנחה האט יעדער איינער געבעטן מחילה דעם צווייטן. אן אומעט איז געלעגן אויף יעדנס פנים. אלע האבן אויסגעזעען פארקלאגט. טרערן האבן שוין נישט גע־

פעלט, עפעס א קלייניקייט? די פיש אין וואסער ציטערן דאך פאר דעם יום הדין; פלעגן אלע זאגן. יום־כפור צו כל־נדרי איז די שול געווען אויסגעבעט מיט היי. אטייל יידן פלעגן נעכטיקן אין שול. יום־כפור דעם גאנצן טאג איז די שול פול. קהל זינגט און העלפט דעם חזן און צו דער עבודה של יום־הכפור צו „כורעים" זינגט דער קהל, אבער צו סליחות און עשרה הרוגי־מלכות, איבערהויפט נעילה, לאזן זיי זיך הערן מיט געוויין און קלאג. מיין טאטע פלעגט דאווענען נעילה דארטן אין „שטעטל" און דא אין לאנדאן אויך. איך וועל קיינמאל פארגעסן זיין נעילה, איבערהויפט זיין זאגן מיט ביטער געוויין „אזכרה אלקים", אין לאנדאן צו די עלטערע יארן האט ער נאך מער הארץ און נשמה אין דעם אריינגעגעבן.

שמחת־תורה אין שטעטל. שטעלט זיך פאר א שטעטל קבצנים־יידן. קיין גוים זיינען דארט נישט געווען, האט מען קיין מורא נישט געהאט, און טאקע געהוליעט, געשטיפט אויף וואס די וועלט שטייט. הקפות איז מען געגאנגען נישט זיבן מאל, נאר זיבן מאל זיבן, ביז האלבער נאכט פלעגט מען אזוי שטיפן. און צומארגנס אין דער פרי נאכן דאווענען האט מען זיך ווידער גענומען צום זינגען און טאנצן אין שול און אפילו אין גאס. די בלאטע איז צונויף געקומען. יידן זיינען געקראכן אין בלאטע אריין, געטאנצט און גע־שפרונגען. יינגלעך און קינדער טוען נאך. מאמעס האבן זיך היינט נישט געבייזערט, אז מען מאכט א תל פון די שיכלעך און הייזעלעך — עס איז דאך שמחת־תורה. בשעת די בעלי־בתים זיינען אין שול קריכן אט די „גזלנים" אין די אויוונס אריין, נעמען פון דארטן ארויס די טעפ מיט עסן, טראגן דאס ארויס אינמיטן גאס אויפן גראז; און רופן, „קומט עסן די קהלשע סעודה!" עס קומען צו לויפן קינדער און אפילו דערוואקסענע מענטשן, מען עסט, מען זינגט, מען טאנצט, אייניקע מאכן אפילו „פאגראמען". זיי לאזן זיך מיט רציחה ברעכן די סוכות. אזוי ביז אין אוונט.

אונזער גביר פון „שטעטל", ר' הירש קידאנאוו, פלעגט מאכן א סעודה אין אוונט. אלעמען קען מען דאך נישט פארבעטן, האט אמאל אזא מוצאי־יום־טוב אזוינס געטראפן ביים גביר. עס זיצן די געסט. אייניקע זיינען גע־גאנגען אהיים. אטייל יידן דרייען זיך ארום אין גאס. עס ווילט זיך נאך שטיפן און ווילן. עס דרייען זיך ארום אויך בחורים און יינגלעך. ישראל דער שניידער, א ייד ארום פינף און דרייסיק יאר, א ליבער ייד, א שטיפער, א וויצלער, רופט אויס, „קינדער, קומט אין וואלד אריין!" דער וואלד איז בלויז פניף מינוט גאנג פון „שטעטל". פאר אונז איז עס גאר קיין נייעס נישט צו גיין אין וואלד אריין, אבער ביינאכט מיט דערוואקסענע יידן איז עפעס אנדערש. לויפן מיר אלע, בערך פערציק פארשוין; מיר לויפן, טאנצן, זינגען, הפקר פריי. ביים ברעג וואלד איז געשטאנען א ביידל פון דיגע צווייגן, וואו דער קראנקער ר' מרדכי איז א גאנצן זומער דא געזעסן און געלערנט, אפילו געגעסן. ארום און ארום וואקסן סאסנע־ביימער. צוגעקומען צום ביידל מיט געזאנג און טאנץ, מאכן מיר א פייער. א פייער אין וואלד



ביינאכט, עס איז נאך מערקפריילעך. כאפט דאס הייזל זיך אן מיט פייער און עס ציבדן זיך אויך אן אייניקע ביימער. מיר טוען וואס מיר קענען דאס פייער זאל זיך נישט פארשפרייטן. ביים נגיד ביי דער סעודה האט מען דערזעען דאס פייער, האט זיך זיי אויסגעדוכט, אז דאס גאנצע „שטעטל" ברענט. זיינען זיי אלע ארויסגעלאפן און פארשטאנען די סבה און האבן זיך געלאזט לויפן צום וואלד. ישראל האט געגעבן א קאמאנדע, אז מיר זאלן לויפן טיפער אין וואלד אריין. ער לויפט, מיר לויפן נאך מיט פארגעניגן און שרעק. מען פאלט איינס איבערן אנדערן, מען צעהרגעט זיך, אבער עס איז אלץ ווערט. דאס פייער האט זיך אויסגעברענט און פארלאשן. מיר זיינען אפגעקומען בלויז מיט שרעק. אייניקע טעג האט זיך געטומלט, אבער עס איז אריבער בשלום.

(שלוס אין קומענדיקן נומער)

א. נ. שטענצל

## צוויי דורות

### 1

„דער דארף־צדיק" פון ווייטשעפל

דער מאיעסטעט צו זיינע אונטערטאנען,
אזוי צו ווייטשעפל אראפגעקומען,
און עמך שער און אייזן, זעג און האמער,
מיט כבוד מלאכים אים אויפגענומען.

צי איז נישט זיין טאטע, יא, זיין זיידע שוין
אין לארדן־הויז מיט די „פירס" געזעסן?
און זיי ווער זענען? פרעסערס און מאשינערס
פון שוויס בייטאג, ביינאכט וואנצן־צעפרעסן.

זיצט ער אויף מזרח־וואנט א קעניג אין טראן,
קוקט אין מחזור א האן אין בני־אדם,
גארנישט זאט געגוג זיך אנקוקן אין אים
קאנען זיך נאל און דראטווע, נאדל־פאדים.

אין די בישאף־שטיוול שטייט דער טשיף־ראביי,
סקריפעט א נעילה־פרעדיקט אויף מעלעמער:
„יידיש־געמאישל אין לאנדאן? אומערהערט!"
אין צאן־קדשים קוקן ווי די לעמער —

„די בריטישע ערד — אונזער ארץ־ישראל!!
דעם זשארגאן — פארדאן! — גאר דא אהערברענגען?"
פון די עברי־טייטש מחזורים די אויגן
הייבן זיך אויף און בלייבן אין לופט הענגען — —

טויט־שטיל אין שול, נאר איינער נישט געקענט שוין
זיך איינהאלטן מער און א פייף געגעבן!
כאַדאַראַם פון טשיף־ראַביי ביזגל חזן
און דעם לאַרד אויף מזרח־וואַנט זיי דאַנעבן.

דאָס געסקריפּ דעמלט פון די בישאָף־שטיוול —
פּאַליצייַ אין שול זיך אַרייַנגעריסן!
און דער לאַרד אויף זיין שטול אין מזרח־וואַנט —
א חדר־ייִנגל, וואָס גוט אָפּגעשמיסן.

ראַפּטים מיטן אין ווייַנען פון ווייבער־שול,
א מעשה דערציילט זיך מיט טויזנט חנען —
דאָס טוט א ייִדינע פון בריקליין פאַר גאָט,
א משל פון דובנער מגיד פאַרלייַנען.

2

## דער ווייטשעפּעלער מ. פּ.

אין אן אָרעם שטיבל וואו געוואַקסן,
נאָר פון אַלע העכער מיט א קאָפּ, —
און ווי געבריט אים און ווי געגליט אים
פון אַרבעטס מענטש יעדער שווייס־טראָפּ! —

אַראָפּגעקומען אין די געסלעך דאָ,
שטאַלץ פאַר די פענסטער בלייבט ער שטיין:
די זינגער־מאַשין זייער ליד באַגלייט
און ווי דייטלעך ער קאָן עס פאַרשטיין.

אין די הייליקע טעג ווען זיין פאָטער
פונם מחזור אים אַרויסגעלייענט,
און זיין מאַמע איבער אירע תחינות
מיט אַזא מענה־לשון געוויינט — —

יאָ, דעם חזנס „הנני העני"
ער דערמאָנט זיך, זיין האַרץ שטיל בלייבט שטיין,
שמונה־עשרהדיק: דער שליח־ציבור
פון די געסלעך דאָ גייט ער נישט זיין?

פון ווייטשעפּל אַרויף צום לאָרדן־הויז,
באמת, עס איז פאַלג מיך א גאַנג;
בלויז צו געפינען דעם וועג אויף צוריק —
דער ריטם־שריט — גין־גאָלדענער קלאַנג.



זיצן אין לאָרדן־הויז א „פּיער" מיט „פּיערס",
וואָס קאָן שוין זיין העכערס? פּיש־פּיש־פּיש!
בלויז „אויבן נישט נאָך העכער" ווען ער זיצט איצט
מיט ווייטשעפּל־עמך ביים סדר־טיש?

טאַטנס ניגון — „עבדים היינו",
ווי געשמאַק פון האַרץ ס'זינגט זיך און ס'זאָגט
און אונזערע היימישע ייִדן דאָ
האָבן זיך דען ווייניקער ייִדן דאָ געפּלאָגט?

אַלע יאָר צו נעילה פּתיחת־ארון,
קיין ווייטשעפּל געקומען אַהער,
אין זיבעטע אויגן געזען ווי ס'פינקלט,
די ייִדישע „פּתח לנו שער"־טרער.

## ס'אויסגעשפּילטע ווייטשעפּל

1

מיט נאָדל־פאָדעם, מיט נאָל און דראַטווע
זיך צונויפגעדזשאַבעט דאָ אין די געסלעך;
צוועלף אין א שטוב, זעקס אין א וואַנצן־בעט,
ווי אין קלייטל די הערינג אין די פעסלעך

גאַנצע וואָך געהונגערט אין די וואַרשטאַטן —
א שבתדיקן טיש האָבן א זאַטן.

טויזנט־און־איין־שטעטל א שבת־שפּאַציר —
די פריידער אויף די ווייטשעפּל טראָטואַרן!
קוים א צוויי־דריי דורות ס'איז פאַרגאַנגען און
די געסלעך דאָ איצט פּלעצער נאָך „צו קאָרן" —

אַרום א מאַרק אויף הורט און לאַתדים!
אויסגעגאַנגען ס'איז דער כשרער פאָדים.

2

מינדסטער ייִד נאָך מיטגעבראַכט ווען געקומען
א חומש, א חוקל, א בוך צו לעזן;
קודם א שול, א חדר צונויפגעשטעלט
און שוין — „דאָס פּוילישע ייִדל" געוועזן!

זעכצן שעה א טאָג געשוויצט ביי מאַשינען,
צו א ייִדיש וואָרט צייט נאָך מ'קאָן געפינען.

קינדער אויסשטודירט דאקטערס, אדוואקאטן
ביי א פינסטער, פארקאפטשעט פינפער לעמפל;
ניין, די אייניקלעך, חלילה, נישט געשמדט,
ערגעץ־וואו שוין אין א רעפארעם־טעמפל.

יום־כפור בייגאכט נאך נאכן פארפאסטן —
בלויז זיידנס „שמות״ געלאזט אין מיסט־קאסטן.

3

חברה ש״ס, עין־יעקב, חיי־אדם,
קיין איינס פון זיי נישט מער איבערגעבליבן;
דער עיקר: „פעראלגעמייטעד־קאלעקטארס״
חברה־קדישא־פרעזידענט אויסגעקליבן . . .

פון שולן פאריתומט עקזיסטירן —
דעם טויטן־„מעמבערשיפ״ איינצוקאסירן.

צען קדיש־זאגערס איינמיטן א מיטוואך,
זיך צונויפנעמען שוין שווערלעכער ענין;
דערפאר שבת־קודש — א קידוש!
לחיים גארגל, אויפגעשטעלטער מנין.

די פאר „מנין־מענער״, וואס דאך פאראנען,
צו „דזשאבס״ אין די וועסט־ענד שולן שפאנען.

4

ווען איבער וויטשעפל די אנארכיסטן
צו זייער יום־כפור „דינער״ געגאנגען,
מיט מוזיק און מיט א קעסל־פויק פארויס,
צום טאקט פון מאריס ווינטשעווסקיס געזאנגען —

(דעמלט „מחזיקי־הדת״ א פול געפאקטע!)
פון געשלעג, פון די ציינער אויסגעהאקטע.

די זקנים דערציילן עס נאך אצינד,
מיט ליידיקע שוין, מיט ציינלאזע מיילער;
אז ארבעטער־רינג דא עליו־השלום,
גיי זוך אין „יונא״ א יידישן „טיילער״. . .

א צענטן אין „מחזיקי־הדת״ צו מנין,
צו געפינען — נאך א שווערער ענין.



5

דאס יידישע וויטשעפל איז אויסגעשפילט,
דערפאר אזוי אויף היינט און אויף פערד דאס שפילן;
דער געקאך אין די „בוקינג־שאפס״ ווי אמאל
אין א בית־מדרש־פאליש מ׳פלעגט זיך פילן.

אויף א „ווינער״ במהרה, איינגיכן,
מ׳קוקט ארויס ווי, להבדיל, אויף משיחן.

און ווען „דיין״ געהייסן דער „פאווארייט״,
געשטעלט אויף אים ס׳האבן אלע יידן;
באמת, גאט אליין וואלט געשטעלט אויף אים!
דער „בוקינג־שאפ״ קאכט — א קעסל וואלט זידן.

פארוואר נישט וואס געוואונען, אויסגענומען,
נאר וואס „דיין״ דער ערשטער אנגעקומען . . .

6

לעצטער ייד, מיט אן עכט היימישלעכער בארד,
לעצטן ווינטער נאך סטאמפארד־היל געצויגן.
וואס זיך ארומוואלגערן דא א פרעמדער
און זיין גרויס אזוי יעדן אין די אויגן —

א פאטריארך, וואס איז ארויס פון ביבל!
ווי שרעקלעך זייט זיך פארמאכט ס׳חסידים־שטיבל.

דארטן אים אפן זיין יעדע יידישע שטוב,
הערן קינדערלעך א יידיש ווארט ריידן;
לכבוד שבת א כשרע מקווה,
אין בגדי־משי זיך ווידער אנקליידן.

ווי ווייט פון דא — א שילינג צוצופארן,
בלויז צווישן — וויפל לאנגע גלות־יארן?

7

דער שטאלץ א טעאטער נאך דא געבליבן —
אויף קארס ס׳פארן אן גאלדערס־גרינער יענטעס!
פון יידישלעכן הומאר זייער לאכן,
ווי ווער געקיצלט זיי אונטער די פיענטעס.

שטייט מאמע־יידיש איבער זיי געבויגן
און שלינגט די טרערן פון זייערע אויגן.

לעצטער רעקוועזיט „געזעגנגע און טענצע״,
גאסטראלירן געשמינקטע מנין־מענטשן;

אן אויפלויף אין די סינאגאגן־צענטערס,
אמאל דא ביים חזנס ראש־חודש בענטשן.

„לידי־שילד", „היברו־סקול" צו פינאנסירן,
אין די פויזעס בלומס וואורשטן אקציאנירן.

8

ווי די ראטן פון א געלעכערטער שיף,
ס׳ביסל ליטעראטן פון דא אנטלאפן.
(ג אט, ווי ס׳גראמט זיך, „שטראם גראם, מאך מיר א לעטניק".)
פון לעצט לאך נאך געבליבן אפן.

צו פארשטאפן, ווי נישט איז צו פארלאטן,
כ׳פייף ארויס: א רוח אינם טאטנס טאטן!

און אז דערשווימען שוין צו גרינע ברעגעס,
וועט דען מער פון אונז ווי שוים איבערבלייבן?
און ווען פארזינקען טיף אינם תהום שוין,
צי קאן מען נישט די בעסטע פערל קלייבן?

כ׳בין יענע קאץ ביי דער שוועל דא געבליבן,
וואס זוכט ס׳הייזל דעם רוקן ד׳רין געריבן.

9

אויף דעם וויטשעפלער יידישן געטא
נישט אויסגעגאסן געווארן ג אטס צארן;
עפעס ווי אליין, ווי אן אלטער בגד,
וואס איז פון מאלן צעקראכן געווארן.

די ברייטע, די לאנגווייליקע טראטוארן,
ווי אויף ווענען ווארטן וואלטן און הארן.

נאר ווען ס׳קומט אן דער שבת־קודש,
באקומט עס צוריק די נשמה יתירה —
ס׳געזאנג פון לכה דודי, להבדיל, דאכט זיך
צו הערן אין די מארק אויסרופן זייערע.

דער פאטשערקע־קלאנג, די ראמשן־קאלירן,
היימישן נאכוויי כ׳וואלט פלוצלינג דערשפירן.

## אויפן לאפציקער יאריד

3

ווען ד"ר זוהל איז אריינגעקומען א האפערדיק־צעשטראלטער, מיט אויפגעלויכטענע, גרויס־אויפגעריסענע אויגן, מיט זיין פריידיקן שמייכל אויף זיינע פולע ליפן, וואס האבן ארויסגעשפראצט מיט ליבשאפט פון זיין בארד און וואנסעס, אין דער האנט דאס אקארשט־דערשינענע בוך „און דו ביסט



ג אט" מיט זיין, ד"ר זוהלס, זילבער־גראווירונג אויפן גרינלעכן איינבאנד: א נאקעטער, שלאנקער „יינגלינג" מיט צעשטרעקטע הענט, וואס רייסן זיך פארבענקטע צו די הימלען —

און נישט ווייניקער צעשטרעקט מיט זיין גאנצער צערטלעכער פריינטשאפט האט דאס בוך געציטערט אין זיין אויסגעצערטער, געלעמטער האנט ווי די צווייטע, די שטארקע, די געזונטע — אויף זיין שווערן, געזונטן שטעקן אנגעלענט מיט זיין האלבן, געלעמטן קערפער — האט עס מיר א שניט געטון אין הארץ:

אן דעם צווייטן טייל — ריכטיקער נאך, ערשטן טייל — איז דאס בוך אזוי פארקריפלט, ווי מיין פריינט דא וואס שטייט פאר מיר . . .

דווקא דאס פליישלעכע, דאס תאווהדיקע, גופניותדיקע, דאס צעריסענע מאכט עס ערשט וואר . . . אז מ׳זעט דאס צעריסענע, גלייבט מען די גאנצקייט . . .

אן דעם „זוך איך דיך" איז די גאנצקייט נאר א געץ . . .

דער מאמענט האט נישט געדויערט לענגער ווי צוויי־דריי רגעס, אבער דער שווערער, שטארקער שטעקן האט נישט אויסגעהאלטן דעם דרוק און א וואקל געטון.

ד"ר זוהל איז געבליבן זיצן אויפן בענקל און דאס בוך איז אים ארויסגעפאלן פון זיין געלעמטער האנט און געבליבן ליגן אויפן טיש.

דאס איז געווען דער נומער איינס פון די פינף און צוואנציק נומערירטע ביכער, וואס איך האב געזאלט אונטערשרייבן—דעם נומער איינס האט זוהל געוואלט באהאלטן פאר זיך.

דער נאקעטער „יינגלינג" מיט די צעשטרעקטע הענט, א זילבערן־צעשטראלטער פונם גרינלעכן הינטערגרונט האט געציטערט פאר מיינע אויגן — ס׳איז געווען דער שלאנקער, געלעמטער גוף פונם פריינט, וואס איז געזעסן אויפן שטול.

זיין שטימונג, און נאך מער מיינע צו פארדעקן, האט ער אויפגעעפנט דעם שווער־אנגעפאקטן פארטפעל מיט סויבל־און טכויער־„פראבקעס" און ארויסגענומען דעם „דראכן" מיט דעם אפגעדרוקטן ליד פון עלזא לאסקער־שילער צו מיר און די „לייפציגער יידישע וואכנצייטונג" מיט זיין ארטיקל איבערן דערשינענעם בוך און מיר אנגעוויזן אויפן אנאנס מיט פעטע אותיות:

א מאטינע אין לייפציקער שטאאטס־טעאטער לכבוד דעם דערשינענעם בוך „און דו ביסט ג אט", מיט דער באטייליקונג פון די פראמינענטע אקטיארן פון טעאטער. זיי וועלן רעציטירן ד"ר זוהלס דייטשע איבערזעצונגען פונם בוך.

דער ראמאנטיש־באגייסטערטער, דער קאנסטאנטין ברונער „יינגער — די דייטשע פאעזיע און פילאזאפיע, די באגייסטערטע און הויך־צעפלאטערטע אין יענער סענטימענטאלע אינפלאציע־צייטן! — האט זיך דעם „גרויסן מאמענט" גאנץ אנדערש פארגעשטעלט.

מיר זענען אפילו נישט ארויסגעגאנגען באגיסן די שמחה מיט א טעפעלע קאווע צומאל — מסתם ווייל די צייט איז שוין געווען א סטאבילע ?. . .

שפעט אין אוונט, ווען זהל איז אוועקגעגאנגען, האב איך גענומען דאס ביכל, וואס איז געלעגן ווי א פארלאזן נפשל אויפן טיש און געשפירט ווי א לעבעדיקן ציטער אין דער האנט. עס גענומען פאמעלעך מישן. מיט יעדן שארכנדיקן מיש פון יעדן בלעטל האט זיך פון מיר ווי עפעס אפגעריסן — עס איז דאך נאר דער וועלקנדיקער נמשל, און וואו איז דער זאפטיקער משל? דער עיקר איז דאך חסר מן הספר.

ווען כ׳האב די לידער געטראגן צעבלעטערט אין מיין בוזעם־טאש האט אין ליד געדעקט דאס צווייטע — איינס איז ארויסגעוואקסן פון אנדערן.

נאך א משוגענער נאכט, נאך א טאפנדיקער פינסטערניש, איז אויפגעגאנגען אן אומבאגריילעכע ליכטיקייט, א הכנעהדיקע גאנצקייט . . . ווי מאגער די פרוכט, אבער די בליט ווי האט זי געקנאספעט . . .

אזוי האט עס געוואקסן אין בוזעם־טאש — אין הארץ! — טאג איין טאג אויס גאנצע פינף יאר.

מישנדיק די בלעטלעך, איז דאס בוך מיר ארויסגעפאלן פון דער האנט און די וואכע טרוימען האבן גענומען זייער איבערהאנט: דאס שווער־צעקערטע יאר אין האלאנד, די הזורעים־בדמעה יארן אין רהיינלאנד, אין האנאווער, אין בערלין . . . איז דאס טאקע דער ברינה יקצורו?

די פאר חדשים אין לייפציק ווי א פראווינצער בארימטקייט האט מיר, דעם יונגן מענטש, קיין גרויסע טובה נישט געטון . . . די דלילהס האבן צו ליב די קענזשערלאקן, זיי זאל זיי נישט אויספליקן?

צו ציען די לעצטע קאפיטלעך — אויב איך וועל עס נאך בכלל בכוח זיין?! — פון דעם בוך „געראנגל", וואס איז דאך נאר אנצוצייכענען דאס שמאלע סטעזשקעלע פון א לידל־שרייבער, וועלכער וואגלט אין א פרעמדער וועלט, אן אפגעריסענער, ברוחניות ובגשמיות, פון זיינע היימישע און אייגענע.

ביי אזא אויסגעווארצלטקייט, וויאזוי צייטיקע, זאפטיקע פירות?

שילדערן יוגנט־אוואנטורעס געהערט דאך צו די אלו דברים שאין להם שיעור — און אויב דאס ליד האט נישט געהאט דעם כוח זיי כולל צו זיין, וואסער ווערט האבן זיי געהאט? . . די „אוואנטורעס", מישטיינסגעזאגט . . .

אבער דאך: דער לעצטער שטריך, דער סך־הכול אונטער די וואכע טרוימען אין יענער נאכט איז געווען: איבערוואכן די פאר שעה ביז ס׳וועט טאגן און מיך לאזן צום וואקזאל און איבערלאזן דעם גאנצן לאפציקער יאריד אן א זיי געזונט.

מיט באגינען האב איך, אפנים, געמוזט איינשלאפן און א קלאפ אין טיר האט מאך אויפגעוועקט —

אויף דער שוועל איז געשטאנען ד״ר לאליע עפשטיין און געלאכט ווי א צעמישטער. ער האט ארויסגערעדט עפעס איבער דער פלייצע און פון דרויסן האבן אפגעענטפערט צוויי לאכנדיקע קולות — ס׳איז געווען דער



„מעצענאט" מיט דער „פלימעניצע" — דער „פעטער" איז געגאנגען געבראכן ביי דער סטאביליזאציע פון גאלד־מארק, און זיי זענען שוין געגאנגען סטאביל . . .— די דריי זענען דאס געקומען מיך נעמען צו דער מאטינע —

דער דערפאלג איז געווען א קאלאסאלער! מ׳האט די אקטיארן אייניקע מאל „ארויסגערופן" און איך האב מיך געמוזט „באווייזן" פארן גרויסן עולם. דער עיקר: פונם פארקויף פון די ביכער איז דער חובביים דרוקער געדעקט געווארן.

דאס נס איז געשען! ווען נישט, האט שוין אונזער קאן געהאט גרייט איינעם פון זיינע „געניאלע" איינפאלן:

מיט דעם צוויי צענדליק נומערירטע ביכער זאלן מיר זיך לאזן צו די רייכע — נישט־געבראכענע! — פעלץ־סוחרים און אלץ וועט ארויסקומען „טוב".

„גוט", האב איך אים געענטפערט, „הויזירן האב איך נישט געלערט, אבער נאכטראגן א פעקל א הויזירער, יא". . .

טראץ די אלע גליקן האב איך דאך אליהו הנביא אויפן לאפציקער יאריד נישט באגעגנט! אחוץ אפשר ווי עס דערציילט זיך אין דער מעשה פונם בעל־שם־טוב פון איינעם א ר׳ ליבער: „וואלט ער באגעגנט אמאל אליהו הנביאן, וואלט ער, ר׳ ליבער, נישט געהאט גילוי אליהו, נאר אליהו — גילוי ליבער"!

איך וואלט מסתם געבליבן א תושב אין א יידיש געסל ערגעץ דארט ארום וואקזאל אין דער שטאט לייפציק ווי דער אקטיאר פון דער ווילנער טרופע, דער טאלענטירטער, ליבער שעפטל; מיך געדרייט צווישן די קארטןטישלעך אין די יידישע רעסטראנדלעך און, כדי צו דערלייכטערן דעם עולהפרנסה, געלאפן אין די פארטאגן צום וואקזאל און מיך ארייננגעכאפט צווישן די „האזן" און אפשר, ווער ווייסט, דאס מזל וואלט מיר צוגעשפילט אויפן בריל און געווארן גאר א „לייב" צווישן די „לייבן" — נישט צו איינעם אזא האט זיך עלענאווי בעוויזן אויף דער לייפציקער־„מעסע". . .

עס איז שוין נישט געווען מער דער פרץ־קלוב און אויך נישט די צייטונג אין יידיש, וואס לעווי האט ארויסגעגעבן, וואס האבן מיך נאך געהאלטן אין לייפציק —ביידע, מיטן עטאמלירן דעם גאלד־מארק, האבן זיך שוין געהאלטן אויף היגערישע פיסלעך; נאך א וואך, נאך א וואך און ביידע וועלן צוזאמענפאלן ווי קארטן־הייזלעך . . .

עס איז געווען דער צוגעגרייטער הזכרה־אוונט לכבוד ד״ר עליאשעוו, דערהערט די טרויעריקע ידיעה, אז ער איז נישטא מער, און אויך דעם כאשיןפארטראג איבער דער מאדערנער, סאוויעטיש־יידישער פאעזיע, צו וועלכע דער האטום איז שוין געווען באשטימט — זאלן נאך די אוונטן אדורכגעפירט ווערן.

אין צווישן איז געשען א גרויס געשעעניש. ביאליק איז געקומען קיין לייפציק אין שליחות פארן פארלאג „דביר". וועל איך קודם ציטירן א שטעל

פון מיינס אן עסיי איבער ביאַליקן און אויב ס׳וועט נאָך סטאַיען, אויך נאָך עפּעס איבער דער באַגעגעניש אין לייפּציק —

„מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק ביים ערשטן מאָל דערזעען ביאַליקן, און ס׳איז ביי מיר געווען כּראָות פּני אלקים, אָבער ער האָט זיך אויך געפרייט אין זיין גלות־בערלין מיט א בחור, וואָס שרייבט לידלעך אין יידיש, מיך איינלאַדנדיק צו לייענען אים מיינע לידער, איז אַנשטאָט איך זאָל אים פרעגן: „ווי געפעלן זיי אייך?", פרעגט ער גאָר מיך — דאָס איז מסתּם געווען א מין אוקראַיִניש ישיבֿה בחורישער טריק... — „נו, ווי געפעלן אייך מיינע פּאָעמעס?" און איך, אין מיין פּויליש־ייִנגלישער פּשטות: „אייערע יידישע געפעלן מיר בעסער".

ער קוקט מיך אָן מיט זיינע גרויסע אויגן, אָבער נישט בייז, נישט איראָניש אַפילו—ער דערקענט אז ס׳איז נישט עפּעס א מין אויבער חכמה פון מיר... רעד איך ווייטער: „עס פעלט אין זיי, אין די יידישע, דער האַרטער געפלעכט פון פּסוקים". ער קוקט מיך שטאַרק אָן, ווי ער וואָלט עס פּלוצלינג געכאַפּט— און אָן א וואָרט איז ער צוגעגאַנגען צו דער ביכער־שאַנק, אַרויסגענומען א דיקן באַנד זיינע געזאַמלטע שירים, צוגעקומען צום טיש, מיך אָנגעקוקט ערנסט: „אדרבא נתא ספר ונחזה".

„איינמיטן לייענען, וואו ס׳איז געקומען צו אַזא פּסוקים־געפלעכט, האָב איך מטעים געווען, איך האָב דערשפּירט א מלמדישן קניפּ איבערן דיקן פלייש פון מיין קני.

„דעם קניפּ וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אָבער אויך נישט מיינע טרעפונגען מיט ביאַליקן נאָך דעם".

* * *

... אַריינקומענדיק אין האָטעל, וואו ביאַליק איז איינגעשטאַנען, האָט מען מיר געגעבן דעם נומער פון זיין צימער. אָנגעקלאַפּט און קיין ענטפער.

אַראָפּגייענדיק פון די שטיגן, גייט מיר ביאַליק אַקעגן מיט א פּנים־שוחקות פון א טישל מיט אָנגעכמורעטע יידן, צווישן וועלכע כ׳דערקען פון דער ווייטנס אונזער „שוועניץ־קעניג".

„זייט זיך מרחם אויף מיר, ראַטעוועט מיך, זיי מאַכן מיך קעלביק... איר הערט: „כ׳בין אין א שלעכטער צייט געקומען"... „האַלב לייפּציק איז באַנקראָט"...

ביים טישל, צווישן די אָנגעכמורעטע יידן, האָט זיך מיט גרויס איינגע־האַלטנקייט אויפגעשטעלט א שלאַנקער יונגער מענטש, מיט שטילע באַוועגונגען; אַלץ אין אים, זיין אויסזעען, זיין הילוך, שלאַנק און עלעגאַנט און שטיל; ער האָט באַמערקט ביאַליקס התלהבות, און מיט פאַרגיכטע טריט צוגעקומען און אים אָנגעקוקט מיט א שטילן, איינגעהאַלטענעם בליק.

ביאַליקס אויסזעען: א קינד. אַט וואַרפט עס זיך אויף דער פּאַדלאָגע און הויבט אָן צו רייבן זיינע שיכלעך מיט אַזעלכע יעלות, אַז די גאַנצע וועלט



וועט זיך צונויפפאַלויפן. אָבער אָנגענומען האָט ער דעם עלעגאַנטן, שטילן מענטש ביי זיינע שלאַנקע אַקסלען און בעטנדיק שטיל אַרויסגערעדט:

„כ׳קאָן מיך פאַרלאָזן אויף דיר, וועסט שוין מיט זיי אַדורכקומען. דאָס זענען ממש... כ׳קאָן נישט מער".

מיר זענען אַלע דריי, מיטן ריטם־שריט פון דעם עלעגאַנטן, שלאַנקן מענטש צוגעגאַנגען צום טישל פון די פּאָר אָנגעכמורעטע יידן. דער „שוועניץ־קעניג" האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און די גאַנצע זיצונג איז געבליבן שטיין...

ווי א ייִנגל, וואָס איז פריי געוואָרן פונם חדר פרייטאָג נאָכמיטאָג און לאָזט זיך אַרויס ווי א לאַשעקל אויף דער פרייער לאָנקע, אַזוי האָט ער זיך, ביאַליק, אַרויסגעלאָזן מיט מיר צו באַקוקן די שטאָט — די יידישע געסלעך אַרום וואַקזאַל אין דעם באַרימטן „בריל", די בערזע פון די יידישע פעלץ־סוחרים.

דאָ און דאָרט געטראָפן איינעם פון פּרץ־קלוב און איינער דעם צווייטן האָט מודיע געווען, און ביאַליק איז שוין געגאַנגען אַרומגערינגלט מיט חבֿרה; און דערשפּירנדיק אַן עולם, איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו — ער איז געווען אין אַדעס, אין תּל־אָבֿיבֿ, אין אַמאָליקן לאַפּציק אויפן יאַרמאַרק מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

און דער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען ביחידות, ווי מן־הצד נאָכן רוישיקן געזעמל, איז געווען דער שלאַנקער, צוריקגעהאַלטענער, עלעגאַנטער יונגער מענטש מיט די שטילע אויגן — א וואָרט ער זאָל אַרויסריידן, א וואָרט ער זאָל פאַרהערן עס איז געווען גרינבערג, דער גייסטיקער אייראָפּעער, דער רוסישער ייד; שפּעטער דער אַמעריקאַנער אינטעליגענט — דער רעדאַקטאָר פון „קעמפער".

אַדורכגייענדיק פאַר א פאָטאָגראַף־געשעפט, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַריינגעקיילט, מיט ביאַליקן בראש, ממש ווי אָפּגעשמועסט.

דער מענטש אָבער איז געבליבן שטיין שלאַנק און שטיל, איינגעהאַלטן־שטייף, א הייליקער קנעכט, וואָס שטייט פאַרן געצעלט — על פּתח האוהל: ער זאָל וועלכן בליק נישט איז צוואַרפן?...

די פאָטאָגראַפיע פון חבֿרים פון פּרץ־פאַריין אין לייפּציק, אויפגענומען מיט ביאַליקן, האָב איך געזען אין יאָר 1950 אויפן הר־הכּרמל ביים באַקאַנטן מאָלער אבֿרהם יאַסקיל — איינער פון יענע אַקטיוויסטן.

יאַסקיל האָט אויך געמאָלן פון א פאָטאָגראַפיע דאָס בילד פון ד״ר עלי־אשעוו) וואָס איז געהאָנגען אויף דער בינע בשעת דעם הזכּרה־אָוונט.

אויף דער לעקציע, וואָס כאַשין האָט געהאַלטן איבער דער סאָוויעטיש־מאָדערנער יידישער דיכטונג, בין איך שוין נישט געווען, ווייל איך בין געלעגן קראַנק אויף געלבזוכט אין לייפּציקער יידישן שפּיטאָל. ביים באַזוכן מיך, אויף כאַשינס לאַכנדיקער פראַגע, „איז עס טאַקע יענע מעשה? זענט איר דאָך שוין טאַקע א פאַלנער פּאָעט!"

„עס איז ווייל דער עיקר המעשה איז חסר מן הספר", און אים דערלאַנגט

דאס דערשינענע בוך. ער האט געקוקט אויף דער גראווירונג און צעצויגן אדורכגעלייענט דעם נאמען פון בוך: „און דאס זאל זיין אן ערשטער ארויסטריט אויפן פעגאסוס צום אלימפ אין צוואנציקסטן יארהונדערט פון א יונגן״—

דער זאץ איז איבערגעריסן געווארן, ווייל די שוועסטער איז שוין געשטאנען אין דער טיר און געבעטן צו מאכן דעם באזוך וואס קירצער.

שלוס פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער

## ברכי נפשי תהילים ק״ד

1 לויב ג־אט, מיין זעל;
השם מיין ג־אט, ביסט גרויס ביז גאר,
אין גאנץ און שיינקייט ביסטו אנגעקליידט.
2 דער וואס וויקלט זיך אין ליכט ווי אין א מאנטל;
וואס שפרייט אויס די הימלען ווי א פארהאנג.
3 וואס באלקנט מיט וואסער זיינע אויבערשטובן;
וואס מאכט וואלקנס פאר זיין רייטוואגן,
וואס גייט אויף די פליגלען פון ווינט.
4 וואס מאכט זיינע שלוחים די ווינטן,
זיינע משרתים—פלאקערדיק פייער.
5 ער האט געגרונטפעסט די ערד אויף אירע געשטעלן,
זי זאל זיך ניט וואקלען אייביק און שטענדיק.
6 דעם תהום, אים האסטו ווי א קלייד איבערגעדעקט;
איבער די בערג זיינען געשטאנען די וואסערן.
7 פון דיין אנגעשריי זיינען זיי אנטלאפן,
פון קול פון דיין דונער האבן זיי אוועקגעאיילט—
8 בערג האבן זיך אויפגעהויבן, טאלן האבן געניד(ע)רט—
צו דעם ארט וואס דו האסט געגרונטפעסט פאר זיי.
9 האסט געמאכט א גבול וואס זיי זאלן ניט אריבערגיין,
כדי זיי זאלן ניט ווידער באדעקן די ערד.
10 (ער איז) דער וואס שיקט קוואלן אין די טאלן,
זיי זאלן גיין צווישן די בערג.
11 זיי טרינקען אן אלע חיות פון פעלד,
די וואלדאייזלען שטילן זייער דארשט.
12 לעבן זיי רוען די פויגלען פון הימל,
פון צווישן די צווייגן גיבן זיי ארויס א קול.
13 ביסט דער וואס טרינקט אן די בערג פון זיינע אויבערשטובן;
פון דער פרוכט פון דיינע טואונגען ווערט געזעטיקט די ערד.
14 ער מאכט שפראצן גראז פאר דער בהמה,
און היי פאר די ארבעטפי פון דעם מענטשן,
כדי ארויסצוציען ברויט פון דער ערד;
15 און וויין וואס דערפרייט דעם מענטשנס הארץ,



צו מאכן גלאנצן דעם פנים מער ווי אייל,
און ברויט וואס לענט אונטער דעם מענטשנס הארץ.
16 די ביימער פון ג־אט זעטן זיך אן,
די צעדערן פון לבנון וואס ער האט געפלאנצט,
17 וואס דארטן נעסטן די פויגלען;
דער שטארך, זיין הויז זיינען ציפרעסן.
18 די הויכע בערג זיינען פאר די שטיינבעק,
די פעלזן א באשיצונג פאר די קיניגלס.
19 ער האט געמאכט די לבנה פאר די צייטן;
די זון ווייס איר אונטערגאנג.
20 מאכסט פינסטערניש, און עס ווערט נאכט,
אין איר ווידמענען זיך אלע חיות פון פעלד.
21 די יונגלייבן ברילן נאך רויב,
און בעטן פון ג־אט זייער שפייז.
22 גייט אויף די זון, ווערן זיי איינגעטאן,
און זיי הויערן אין זייערע נארעס.
23 גייט ארויס דער מענטש צו זיין ווערק;
און צו זיין ארבעט ביז אוונט.
24 ווי פיל זיינען דיינע ווערק, ג־אט!
זיי אלע האסטו מיט חכמה געמאכט;
די גאנצע ערד איז פול מיט דיין באשאף.
25 אן איז דער ים, גרויס און ברייט,
דארטן איז א ווידמונג אן א צאל,
חיות גרויסע מיט קליינע.
26 דארטן גייען אום שיפן;
דער לויתן וואס דו האסט באשאפן זיך צו שפילן דערין.
27 זיי אלע קוקן אויס צו דיר,
צו געבן זייער שפייז אין איר צייט.
28 גיסטו זיי, קלייבן זיי אויף,
עפנסט דיין האנט, זעטן זיי זיך מיט גוטס.
29 פארבארגסטו דיין פנים, ווערן זיי פארכאפט,
טוסט איין זייער אטעם, פארגייען זיי,
און קערן זיך אום צו זייער שטויב.
30 שיקסט ארויס דיין אטעם, ווערן זיי באשאפן,
און דו באנייסט דעם פנים פון דער ערד.
31 זאל דער כבוד פון ג־אט זיין אויף אייביק!
זאל ג־אט זיך פרייען מיט זיינע ווערק!
32 דער וואס קוקט אן די ערד, און זי ציטערט,
וואס רירט אן די בערג, און זיי רייכערן.
33 איך וועל זינגען צו השם כל־זמן איך לעב,

איך וועל שפילן צו מיין ג-אט ווי לאנג איך בין.
34 זאל אים געזיסט זיין מיין רעדן;
איך פריי זיך מיט ג-אט.
35 זאלן די זינדיקע פארלענדט ווערן פון דער ערד;
און די רשעים זאלן מער ניט זיין.
לויב ג-אט, מיין זעל
הללוי-ה.

יידיש: **יהואש**

אייזיק גאלדבערג

## לעא קעניג ע״ה

אויף קינסטלער, דיכטער, שרייבער מוז מען אפטמאל אנווייזן, אז דער און דער איז עס. אבער אז מ׳האט געזעען לעא קעניג, האט מען אויף דעם ערשטן בליק דערפילט און געהאט דעם איינדרוק איבער זיין אנדערשקייט. זיין פאנטאזיע האט עס באלד אנגעזאגט. ער איז געווען שטענדיק רואיק און פארזארגט, שטיל און פארטראכט, פארחלומט און פארצווייפלט, עפעס ווי ער וואלט געטראגן די גאנצע לאסט פון די מענטשלעכע פראבלעמען אויף זיינע פלייצעס . . .

און זיין שרייבן האט יעדע שורה געאטעמט מיט גלויבן און האפנונג פאר א פרידלעך צוזאמענלעבן פון מענטשן און פעלקער, וואו יידן זאלן אויך געפינען זייער מנוחה. זיין ליניע, זיין דענקען און שטרעבן, איז בכלל געווען קאסמאפאליטיש; פסיכאלאגיש און טיפזיניק באגרינדעט.

ער האט אנגעשריבן א צאל ביכער איבער ליטעראטור, מאלעריי און איבער פארשידענע טעמען פון מענטשלעכן געראנגל און שטרעבונג פאר א בעסערער וועלט. אויף זיין אייגנארטיקן, אינדיווידועלן בליק, זיינע קריטישע אפהאנדלונגען, צייט-ארטיקלען אא״וו זענען געווען שווער-פארוויקלטע; טיילווייז פילאזאפיש-פארטיפטע, אבער לייכט צו לעזן און פארשטענדלעך צוליב זיין פאלירטן, לייכטן סטיל אין שרייבן. ער איז געווען א שטענדיקער מיטארבעטער אין „די צייט״ און איבער צען יאר אין „לשון און לעבן״.

עס געהערט א ברייטע אפשאצונג וועגן לעא קעניג אויף זיין ליטעראריש, קינסטלערישן געביט, וועלכער פארנעמט אזא חשובן ארט אין דער יידישער ליטעראטור.

איך וויל דא בלויז ברענגען מיינע פערזענלעכע איינדרוקן. לעא קעניג איז געווען א לאנדאנער תושב, געלעבט דא אן ערך פון פערציק יאר, האט דא געשאפן אין דער פרוכטבארסטער צייט פון זיין לעבן. מיט א מאל איז די גרויסע וועלט-שטאט לאנדאן פאר אים ענג געווארן, און דער אוניווערסאלער שרייבער האט זיך פארקליבן, מיט אן ערך פון פופצן יאר צוריק, צו פארענדיקן זיין לעבן אין מדינת-ישראל, וואו ער האט זיך געפילט צופרידן.

ווען איך מיט מיין פרוי זענען געווען אין יאר 1966 אין ישראל האבן מיר נישט אדורכגעלאזט די געלעגנהייט אים צו באזוכן. איך וועל קיינמאל



פארגעסן זיין צופרידנהייט, אז א לאנדאנער זוכט אים אויף. עס האט אים געדאכט, אז א שטיק פון לאנדאנער לעבן לעבט ביי אים ווידער אויף. ער איז עפעס ווי יונגער געווארן, זיך אויסגעפרעגט ווי דאס יידישע קולטור-לעבן גייט דארט אן, ווי עס האלט מיטן יידישן בוך, פרעסע, טעאטער אא״וו. איך האב אים געזאגט, אז אלץ איז שוואכער געווארן. אבער טראץ דעם האלטן זיי נאך ווייטער אן מיט זייער טעטיקייט: דער דיכטער א. נ. שטענצל מיט זיין זשורנאל „לשון און לעבן״, די „ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס״, י. א. ליסקי מיט א יידישער צייטונג און יוסף פרענקל פירט אן א לעבעדיקע צייטונג דורך דעם יידישן וועלט-קאנגרעס. אויך גייט אן א ציוניסטישע באוועגונג, און א טעטיקייט אין „סערקל הויז״ אא״וו.

דאס אויסהערנדיק, האבן זיינע אויגן אויפגעשטראלט און זיך געפילט ווי יונגער און געהייסן אלעמען גריסן אין זיין נאמען און געווונטשן א ברכה אויף זייער וויכטיקער קולטור-ארבעט.

נאך דעם האט קעניג גענומען ווייזן פאר אונז זיין היים, וועלכע איז פאר אים געווען ווי א הייליקייט. דערקלערט די באדייטונג וועגן די קונסט-בילדער און אויך זיינע אייגענע צייכענונגען, וואס די ווענט זענען מיט זיי אזוי פול באהאנגען. זיין וואוינונג האט בכלל אויסגעזען ווי א בילדער-גאלעריע און וואו ער אליין אטעמט דערמיט און איז איינגערעמט אין אלעם.

דערווייל האט זיין ליבע פרוי פארגעברייט כבוד, מיט עקסטרא אן ענגלישן טיי און פארבייסן, מיט אזא מאמעשער ליבע זיך אויסגעפרעגט אויף די לאנדאנער שרייבערינס רחל האניאך, נ. מ. סידא אא״וו.

די פאר שעה, וואס מיר האבן פארברענגט אין אזא היימיש-קולטורעלער אטמאספערע, שטייט מיר נאך יעצט ווי א לעבעדיק בילד פאר מיינע אויגן.

מיט לעא קעניגס אוועקגיין פון די לעבעדיקע קאן מען זאגן, אז זיין פלאץ, וואס ער האט פארנומען אין דער יידישער ליטעראטור און קונסט, וועט בלייבן ווי א לעבעדיקער זכרון.

כבוד זיין אנדענקען!

דוד בערמאן

## פון טשארלס דיקענס

— א פאר בעיאגראפישע און ביבליאגראפישע פרטים —

דער בעסטער ענגלישער ראמאנען-שרייבער פון נייצנטן יארהונדערט איז געבוירן געווארן אין פארטמאוטה, פעברואר 1812. זיין פאטער איז געווען א האנדלס-אנגעשטעלטער. אין יאר 1824 האט מען זיין פאטער איינגעזעצט אין תפיסה פאר א חוב, וואס ער איז נישט אימשטאנד געווען צו באצאלן.

אלס א יינגל פון צוועלף יאר, האט טשארלס דיקענס שוין געמוזט גיין ארבעטן אין א ווארענהויז. אט דער עפיזאד אין זיין יונגן לעבן האט אויס-

געאיבט א טיפן איינדרוק אויף זיין שרייבן; מסתמא געווירקט אויף זיין צוגעטראכטן טיפ מיקאבער, געמיינט זיין פאטער.

צו פופצן יאר האט ער אנטגילטיק איבערגעריסן יעדע וויטערע בילדונג און האט אנגענומען א פאסטן ביי אן אדוואקאט — סאליסיטאר — אין ביורא. אבער די ארבעט איז אים נישט געווען צום הארצן און ער איז געווארן א פארלאמענטס־רעפארטער; דערנאך א רעפארטער פאר דער צייטונג, „דהי טרו סאן" און פאר דער „מארנינג־קראניקל".

דאס ערשטע בוך זיינס איז דערשינען אין יאר 1836, סקיצן פון ענגלישן לעבן און גערופן האט ער עס „סקעטשעס ביי באז". אט די שילדערונגען פון ענגלישן לעבן האבן גלייך צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט צום יונגן שרייבער. זיין בארימט ווערק, „דהי פאסטהיומאס פייפערס און דהי פיקוויק קלאב", איז געשריבן אזוי לייכט, בילדלעך, נאטירלעך און מיט פיל הומאר ווי אויך גוטמוטיקייט און פריילעכקייט.

ער האט אנגעהויבן זיין שרייבערישן קאריערע מיט אויסדריקן זיין וויזיע פון מענטש און דער געזעלשאפט. אין משך פון די יארן אבער האט ער אלץ מער און מער איינגעזעען די ווידערשפרוכן אין דער געזעלשאפט און גענומען קוקן אויף דער ווירקלעכקייט ווי זי איז. זיין נעכסטעס ווערק איז געווען „ניקאלאס ניקלבי", 1839, געשריבן כדי אויפצודעקן די גרויזאמקייטן, וואס זענען באגאנגען געווארן קעגן יתומים און קעגן דעם פארנאכלעסיקן קינדער אין מינדערווערטיקע און ענגע שולעס. אין יאר 1840 האט טשארלס דיקענס אנגעהויבן פארעפנטלעכן אין א זשורנאל, פון וועלכן ער איז געווען דער רעדאקטאר, דעם ראמאן „אליווער טוויסט". דערין האט דיקענס געזוכט ארויסצואווייזן זיין סימפאטיע מיט די ארעמע, די ליידנדיקע און אונטערדריקטע מענטשן פון זיין צייט. אין אט דעם בוך האט ער אויפגעדעקט די אומגליקלעכע ווירקלעכקייט פון די פארברעכער. פיגין און ביל סייקס זענען פיגורן, וואס מען זעט בלויז אין א קאשמאר, אבער פאעטיש אויפגעכאפט. דער מאדערנער לייענער זעט נישט פיגינען אלס א קאמישן טיפ הגם ער אליין האט זיך יא אזוי געזען. זיין קאמיזם אבער איז בלויז געווען אן אפשפיגלונג פון זיין אומגליקלעכקייט, א לעכערלעך ייד.

דאס נעכסטע ווערק פון טשארלס דיקענס איז געווען „דהי אלד קוריאסיטי שאפ", אין וועלכן ער שילדערט דאס לעבן פון „ליטל נעל", א יונג מיידל, און איר ליידן. ביידע ביכער, „אליווער טוויסט" און „דהי אלד קוריאסיטי שאפ", האבן ארויסגערופן באוואונדערונג ביי אלעמען צוליב די דראמאטישע שילדערונגען. אין 1844 האט ער פארעפנטלעכט דאס בוך „מארטין טשאזלוויט", אין וועלכן ער האט באשריבן דאס דעמאלטיקע ענגלישע און אמעריקאנישע לעבן, די פאראלטערטקייט, די גנבים־שפראך און די גייציקייט פון די צוויי הויפט־טיפן — פעקסגיף און טשאזלוויט.

אין 1846 איז ארויס זיין בוך „דאמבי ענד סאן". דא האט דיקענס געמאלן דעם פועל־יוצא פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע אויפן מענטשן,



ווי דאס נאטירלעכע לעבן האט זיך אויסגעלענקט און ווידער איינגעריכטעט; פונם לעבן ארום דער אייזנבאן.

„דעיוויד קאפערפילד", א בוך געבויט אויף זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין די קינדער־יארן, איז דערשינען אין יאר 1850. דא זעען מיר טשארלס דיקענס ווי ער אינטערעסירט זיך גאר שטארק מיטן גורל פון פארווארלאזטע, פארנאכלעסיקטע, בלאנדזשענדיקע און אונטערדריקטע קינדער.

אין „בליק האוז", א ראמאן פון דיקענס, דערשינען אין 1853, האבן מיר ווידער א באשרייבונג פון קינדער און דערוואקסענע מענטשן, אבער אלץ נאך האלב־קינדיש ווי דער מיסטער סקימפאל, אלט געווארן פאר דער צייט, עגאאיסטיש און אזוי ווייטער, כדי צו מאכן דעם עולם אומבאקוועם צוליב דער סיטואציע און פראבלעמען פון דער צייט, האט דיקענס, אין יאר 1854, ארויסגעגעבן זיין „הארד טיימס". דא זעען מיר אים ווי ער אימיטירט דיזראעלין אין ארויסברענגען געוויסע אידייען, אין צוגאנג צום לעבן.

„ליטל דאריס", א מעשה פון א יונג מיידל, כמעט נאך א קינד, און ווי מען האט זי חתונה געמאכט און אויך פון די תפיסות, וואו מען פלעגט איינזעצן מענטשן פאר חובות אין ענגלאנד און איבער דער דעמלטיקער ענגלישער באאמטנשאפט.

„צוויי שטעט", דערשינען אין יאר 1860, האט טשארלס דיקענס אונז געגעבן א בוך איבער דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע און אין 1861 איז ארויס זיין בארימט ווערק, „גרעיט עקספעקטיישאנס". דער הויפט־העלד, פיפ, איז אן אפשפיגלונג פון מחברס אייגענער קינדהייט און יוגנט. די ליבע צווישן פיפ און דעם מיידל, עסטעללא, איז ממש פאנטאסטיש. פיר יאר שפעטער, אין 1865, איז דערשינען זיין לעצטער, פולשטענדיק פארענדיקטער ראמאן, „אאור מוטשואל פריענד", פול מיט ערנסטער האנדלונג. א שפעטערדיק בוך, „דהי מיסטערי און עדווין דרוד" איז ארויס נישט פארענדיקט.

דיקענס איז געשטארבן דעם 9טן יוני, 1780.

## צו דער 100סטער יארצייט פון טשארלס דיקענס

מאדנע וואס אסך פון אונז, וועמען ס'האט ווי געטון שעקספירט שיילאק, האט אונז מער נאך פארדראסן דער פייגין־טיפ, ווייל אויב דער קלאסיקער שעקספיר האט נאך געלייגט אין מויל אריין זיין שיילאקן א ווארעמען מאנאלאג, האט דער סאטיריקער דיקענס אונז גאנץ קאלט געשטעלט.

אפילו ווען אזעלכע יידן האבן קיינמאל נישט עקזיסטירט אין בלוט און פלייש, נאר אז זייערע שאטנס האבן זיך אזוי צעשפיגלט אין זייערע געניאלצעהיצטע מוחות, צעשפילט אין זייערע קריסטלעך־קינדישע פאנטאזיעס, זיינען זיי דאך אבער מיטן כוח פון גרויסער קונסט געווארן נאך עכטער ווי ס'לעבן גופא.

ווילט זיך נישט זיין אפאלאגעטיש און באווייזן, אז קייגן דעם אומפאר־

שעמטן, פארשוואונדעריש סוחר פון ווענעדיג און זיין גאנדאלא־אויסגעלאסענער קאמפאניע איז שיילאק נאר א מענטש פון בלוט און פלייש, וועמען די געדולד קאן פלאצן, וואס אין א בייזן מאמענט קאן ער אריינפאלן אין א נקמה־געפיל; ווי ביי שעקספיר אליין קומט עס אזוי פאעטיש ארויס אין זיין שיילאק־מאנאלאג, און אז פייגין ווידער אין דער דעמלטיקער, קליינבירגערלעכער, צעפרעסענער געזעלשאפט, ענג־הארציקער קינדער־דערציאונג און קריסטלעכע קהלה־פארזארגער — לייענט דאך דיקענסן! —, ווירקט ממש דער גייציקער און גנבות־אפקויפער ייד, פייגין, ווי אן אפאסטאל פון גוטסקייט.

די באלעבטקייט, די פרייד, וואס פייגין פארשאפט די דערשלאגענע, פארהונגערטע יתומים־קינדער מיט זיין שווארץ־קונסט; דער קינצלעכער ציטער פון די „גאלדענע הענטלעך" ביים אויפכאפן די „גנביאלע" פייגין־טריקס . . . און אז וואס איז שוין מישטיינסגעזאגט ארויסציען א טאשנטיכעל — אפילו א זייגערל! — פון א קעשענע אקייגן די פארנעמע טריקס פון די בערזן־לייבן און די דעמלט אויפגעקומענע האקוס־פאקוס פאבריקאנטן און קינדער־ארבעט אויסנוצער? דער „מעמד" דעמלט פון די קוילן־„מיינס"? . .

איידער צו זיין סענטימענטאל־אפאלאגעטיש ווילט זיך ליבער דערפילן דעם מהות פון דער גרויסער קונסט פון געשאפענע טיפן, וואס לעבן איבער שטארבנדיקע דורות. טא לאמיר ליבער דערמאנען א ווארט פונם קאצקער, א קאנגעניאלן פון דער עפאכע פונם שרייבער און הומאניסט, טשארלס דיקענס —

א חסיד פרעגט אמאל ביים קאצקער רבין, „וויאזוי קאן אנגערופן ווערן דער דור־המדבר דער דור־הדעה, ווען זיי האבן געמאכט דאס עגל, געבענקט נאכן סיר־הבשר?"

„שא, האט דער קאצקער געטון א געשריי, פון זיי האט מען געמאכט א תורה!!"

אין דער געשאפענער ליטעראטור פון א פאלק איז ווי נישטיק און נעגאטיוו א טיפ קאן אמאל אויספאלן, גייט ער אריין אין גייסטיקן אוצר פון פאלק — ווערט דאך ערשט פון נעגאטיוו אויסרעטושירט דאס ריכטיקע בילד.

און צום סוף: ווי שעקספיר איז דער פארגייער פון דער קריסטלעך־אייראפעאישער ראמאנטיק און קלאסיציסטיק, איז טשארלס דיקענס דער אנהייבער פונעם מאדערנעם סאציאלן־רעאליזם און הומאניזם און דער פאטער פונעם ענגליש־בארימטן „סענס אף הומאר" אין דער אייראפעאישער ליטעראטור.

אונזער זיידן, מענדעלען, האט מען נישט איינמאל געטראפן לייענען דיקענסן און די גרויסע רוסישע פראזע איז נישט ווייניקער פון אים באאיינפלוסט.

איז לאמיר צו דער גרויסער פייערונג איצט פונם ענגלישן פאלק לכבוד זייער גרויסן שרייבער נישט נאכטראגן נעגאטיוו דאס שטיקל פארדרוס פונם



אויסגעפאלענעם טיפ פייגין, נאר זעען אים, פייגינען, ווי ער טראגט זיך א באטייליקטער אינם קאראהאד צווישן דיקענס הונדערטער נעגאטיווע און פאזיטיווע טשארלס דיקענס קינסטלעריש־געשאפענע טיפן.

## דאס יהואש־יאר

— צום הונדערטסטן געבוירן־יאר פון דיכטער —

דער „אני"־געזאנג, דאס יידישע פאלקסליד — דער גאנג פון אליהו בחור ביז צו ד"ר עטינגער; דער ריטם פון אונזער אויפגייענדיקער, מאדערנער פאעזיע: ראזענפעלד־רייזין־יהואש.

אן אקארד־רעקארד פון א באפליגלטן דור!

און אזוי איז די גאלדענע פאזע, הארץ־פלאטערנדיק, איבערגעפוליגן דעם אקעאן און אנגעקומען צום צווייטן וועלטטייל.

פון א ווארעמען נעסטל אונטער א שטרויענעם דאך, איבערן מזרח־פענסטער פון א צעדאוונטער שול זיך איינגעמאסטעט אויף דער פרייהייטס־סטאטוע, אויף א וואלקנקראצער — איז אויסגעוואקסן א יידישער פראלעטאריאט, א יידיש מאדערנע פאעזיע, מיט יהואשן, דעם ראשון — בראש!

אבער דאס איז נאך נישט אלץ, מיט יהואשן האבן מיר דערגרייכט די גרעסטע קרוין — די כתר־תורה.

אנגעהויבן האט עס זיך נאך פארצייטנס מיט טייטש־חומש, מיט צאינה־וראינה! מענדל האט פאריידישט קהלת, פרץ איבערגעדיכטעט שיר־השירים, די כתובים, און איבערגעוואקסן דעם השכלה־דור, און וואס וואלט דען געווארן פון אונזער פאריתומטן דור אן יהואש תנ"ך־איבערזעצונג?

אויב די יידישע, מאדערנע פאעזיע האט זיך אין אונזערע חורבן־יארן אזוי געוואלטיק צעבליט און צוזאם מיט דער יידישער מדינה אזוי וואונדערלעך אויפגעגאנגען, האט עס אסך צו פארדאנקן אט די יהואש תנ"ך־איבערזעצונג.

זי האט דערנענטערט צום קוואל, צום מקור, צום באר מים־חיים פון נביאישן ווארט, צום שיר־המעלותדיקן געזאנג — צום ממעמקימדיקן, צום איכהדיקן געקלאג אונזערן, צום שיר־השירים געזאנג, צום „ברינה יקצורו"! צום אור־אור רעליגיעזן נאטור־הימען—צום פאטאס פון ברכי נפשי־עפאס! צו יידיש ליד אונזערן פון אצינד, פון געזאנג איבער אלע געזאנגען. ש.

## עד מאה ועשרים

ד"ר יעקב מייטליסן צום ווערן א בן־שבעים

איידער מען ווערט הונדערט און צוואנציק
מוז מען צוערשט א בן־שבעים ווערן;
שוין א קאפ קאלעמוטנע, אבער
צו קלעטערן מען טאר נישט אויפהערן.

און אזוי צוביסלעך, פאמעלעך,
דערקלעטערט מען די בן־שמונים לייטער —
האט מען זי שוין מיט מזל דערגרייכט,
ווי א מזמור דעמאלט גייט עס ווייטער.

מזמור א געזאנג — שיר השירים!
טאנצנדיק, זינגענדיק צו דערקריכן,
מיט א שטעקן און מיט שפאקולן,
אבער אנטקייגנצוגיין משיחן.

## לאנדאנער יידיש טעאטער

א טראגיש ארטיקל „יידיש טעאטער פארמאכט זיך" האט זיך באוויזן אין דער „דזשויש קראניקל" אויף דער „פראנט פיידזש", ווען דאס טעאטער איז געווען אפן האט מען נישט געשריבן וועגן דעם אפילו אויף דער „בעק פיידזש" . . . איז דאס יידישע לאנדאן טאקי דערשיטערט געווארן און איין ייד האט אין שוהל געהאט אגאנצע טענה צום בעל־הבית פון „גרענד פאליי"; „סטייטש! ווי טוט מען אזא זאך? . . ." האט אים דער בעל־הבית, מר. באזיל גרינבי, געענטפערט: „איר דערמאנט מיך אין יענעם זוהן וואס איז קיינמאל נישט געגאנגען זען זיין אלטן טאטן און דערנאך געמאכט א פארוואורף זיין משפחה פארוואס מען האט דעם טאטן אוועקגעשיקט אין א „האם". . . אבער זייט רויג, דאס יידישע טעאטער וועט טאקי מער נישט זיין אין דער „איסט ענד", אבער די אקטיארן וועלן אויפטרעטן אין אייער געגנט און איר וועט ווייטער קענען נישט גיין . . ."

דער אמת איז אז די זעלבע געזעלשאפטן וועלכע פלעגן קויפן פארשטעלונגען אין „גרענד פאליי" האבן שוין פארקאנטראקטירט די לאנדאנער יידישע שוישפילער פאר א רייע אויפטריטן אין דער וועסט ענד, עדזשווער, סטענמאר, גאלדערס גרין און אנדערע געגנטן, פון סעפטעמבער אן וועט מען הערן דאס לעבעדיקע יידישע ווארט יעדער וואך אין די אויבנדערמאנטע געגנטן און לויט דעם אינטערעס זעט זיך פאר אז דער סעזאן וועט אנגיין ווי געווענליך ביז ענדע מאי.

פארשטייט זיך אז נישט אן באדויערן וועלן מיר פארלאזן דאס פלאץ וואס איז אריבער 40 יאר געווען די היים פון יידיש טעאטער אין לאנדאן, אבער לאנג ווי מיר, דער לעצטער מנין אקטיארן לעבן וועט יידיש טעאטער ווייטער עקזיסטירן.

הערי אריעל

## נעט רובין א בן שבעים

אונזער רעציטאטאר ביי די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס און סעקרעטאר פון „לשון און לעבן" נעט רובין איז געווארן א בן שבעים, ווינטשן מיר אים נאך א סך גוטע געזונטע יארן צוזאם מיט זיין ליבער פרוי און ווייטער קאנען אנגיין מיט זיין קולטור ארבעט.

לשון און לעבן



שמעון וווזעק

## די זון פארגייט שוין נאנט

דער ברוקשטיין ציט שוין שווערער אן מיין פוס,
פאמעלעך גייט מיר נאך מיין ליד, מיין ליבסטער עול,
פון ערגעץ דא ניט היימיש, קומט צו מיר א טונקלער גרוס —
דאס בלוט פארשטארטביים פראסטיקן ווידער־קול.

די וויע זינקט און שניידט דעם מידן בליק אויף האלב,
אוונט שטערן — קוים דו זעסט א פונק ברילאנט,
אויפן עלעקטריק־דראט ביים פענצטער וויינט א שוואלב:—
די זון פארגייט שוין נאנט ביים זומערס האריזאנט.

אין גארטן־לאנד פון ליבע־רויש און יונגען שיין —
לאנג שוין שלאפט דאס הארץ פון מיין ליבסטער רויז . . .
עס רייפט דער שפעטער זומער אויס מיין ניגונס ווייז —
קוש פון מיינע לידער טרייבט די טראפנס זאפט ארויס.

כ'גיס פול מיט וויין פון ליד מיין אונטיקן פוס:—
לחיים דיר, וואס אקערסט די יונגע ערד פון לידער־לאנד!
זאל גיין דער מזל־שטערן מיט דיינע סטראפן יעדן אות,
אריבער דער נאכט פון מיין פארשטילטן בערגלס ראנד.

אברהם זאק

## עס וויגט זיך א שיף . . .

עס וויגט זיך א שיף אויפן ים —
עולם קטן . . . אין גאנצן אליין,
נאר הימל און וואסער ארום,
און עס פורפורט א זון, ביים פארגיין.

וווהין ציט די שיף? ווו איר ציל?
און צי זוכט זי אן אנדערע ערד?
און ער גאר אן טרויער, אן צער?
גאר אן טרערן, אן בלוט און אן שווערד?. . .

ווער זיינען די מענטשן אין שיף?
ווער איז איר פירער? ווער איז קאפיטאן?
עס וויגט זיך א שיף און זי זוכט —
ס'איז מסתם אזא ערד ווו פאראן.

דערווייל זינקט די זון אינעם ים
און דער פורפור אין ווייטקייט צערינט;
אין געפאנגענשאפט פון חושך און ווינט — — — —
און די שיף ווערט פארזונקען אין נאכט.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־10 (העפט 2־480) 31־סטער יאר אקט.־דעצעמ. 1970, לאנדאן

אינהאלט

כותל מערבי, אויב נישט שלום . . ., לכבוד חנוכה ....... ** 3
מיין טאטע יעקב יוסף בענקוויטש ....... ח. נ. בענקוויטש 8
אז איך וועל דערציילן, גרא ווי דער הערבסט (לידער) ...... עלא זילבערג 12
דער ערשטער קולטור קאמף (עסיי) ....... יעקב ריכטיגער 13
אויפן לאפציקער יאריד, ביים ים. (פראזע און פאעזיע) א. נ. שטענצל 17
מנשה ווייסגראז ע״ה ....... אייזיק גאלדבערג 29
שמואל וווהייט ....... מ. מארגנשטערן 31

## יידיש ליטערארישע שבת - נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1. — 3 אזייגער

מיר בעטן די צייטונגען און זשורנאלן וואס באקומען „לשון און לעבן״, אונז צוצושיקן א טויש־עקזעמפלאר.

---

## פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

אינהאלט:

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*





**י. ה. בינענפעלד** וואס געפינט זיך אין שפיטאל איז געווארן איצט 75 יאר. ווינטשן מיר אים א רפואה שלימה און נאך א סך גוטע געזונטע יארן.

**שלמה זשיקאווסקי**, א פליט פון איצטיקן פוילן, א קולטור טוער, א טעאטער־מענטש איז איצט געווארן א בן שישים, ווינטשן מיר אים מיט זיין לעבע פרוי זיך איינהיימישן דא אין אונזער ישוב און ווייטער אנגיין מיט דער קולטור־ארבעט.

**ח. נ. בענקוויטש** האט מיטגעמאכט א פאר וואכן אין שפיטאל, געפינט זיך, אויף קאנוואלעסענס. ווינטשן מיר אים א רפואה שלימה.

ווי מיר הערן געפינט זיך פריינט **פייגנבלאט** אין שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

**צביה גאלדבערג** איז ארויסגעקומען איצט פון שפיטאל. מיר ווינטשן איר געזונט און פרישע כוחות. פריינט פון יידיש לשון

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33 א.1. — 3 א זייגער)